STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00485

GEKLIBENE LIDER

Bracha Kopstein

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

ברכה קאָפּשטיין / געקליבענע לידער

צ י י כ ע נ ו נ ג ע ן

שטאַרק בין איך—**נאָטע קאָזלאָווסקי**
זינג מיין האַרץ—**אברהם שיינהויז**
דאָס פאָלק איז דאָ—**שלמה לערנער**
בילד צייכענונג—**שלמה לערנער**
משמש אל שמש—**משה פראָפּעס**
בילד-צייכענונג—**משה פּראָפּעס**
אויל-בילד—**בען**

א י ב ע ר ז ע צ ע ר

(ע ב ר י ת)

אוריאל אופק
א. ל. פ.
פניה ברגשטיין
אשר ברש
שמואל בס
נפתלי גינתון
שמעון הלקין
עזרא זוסמן
יחיאל חגיז
אברהם טוביאס
בנימין טנא
אברהם לוינסון
מאיר מוהר
יהושע מלצר
שמשון מלצר
דויד פאיאנס
משה פיינשטיין
אברהם רגלסון
אברהם שלונסקי

(ע נ ג ל י ש)

ס. פ. רודענס

(ר ו ס י ש)

לייב פיינבערג

נ אָ ט ן

לייב גלאַנץ
נחום נאַרדי
פּראָפ׳ יעקב וויינבערג

ביכער פון ברכה קאַפּשטיין

שטאַרק בין איך (לידער), 1939. (צווייטע אויפלאַגע—1946)
זינג מיין האַרץ (לידער), 1945. (צווייטע אויפלאַגע—1946)
דאָס פאָלק איז דאָ (לידער), 1951.
משמש אל שמש (איברזעצטע לידער), תשי״ט—1959
יום-טוב און וואָך אין ישראל (רעפּאָרטאַזשעס), 1965.
געקליבענע לידער, 1968

ברכה קאָפּשטיין

געקליבענע לידער

BRACHA KOPSTEIN

SELECTED POETRY

Copyright 1968, by B. Kopstein, New York, N. Y. • *Printed in U.S.A.*

363

אינהאַלט:

פון בוך „שטאַרק בין איך"

11 שטאַרק בין איך
12 פרימאָרגנס
13 צימערן
14 ווער איז שולדיק?
15 אין דערוואַרטונג
16 דיינע טעג
18 אַ בילד
20 סטרייקער
22 זון-אונטערגאַנג
23 וויג-ליד
24 נאָר דער . . .
25 טעג
אין קאַפעי
26 אָפּגעזאָגט
27 צוגאַסט
28 שטילער צוק פון נייעם שטאַם
29 „שאַפינג"
32 אין „קיינעמס לאַנד"
33 מיין ברודער— דער סאָלדאַט

פון בוך „זינג מיין האַרץ"

41 זינג מיין האַרץ
42 הערשל גרינשפאַן
45 אַ וויגליד פון אַ מאַמע אין קיינעמס לאַנד
46 קומען בריוו פון ארץ-ישראל
49 איבער געטאָ—די פאָן
51 זייף
52 מיין שער
53 „מאַמע, כ'האָב דיר ניט ליב"
54 צו אַ פריינט
55 קיינמאָל נאָך ווי היינט
אין אָט-דער נאַכט דער שטילער
56 ניט גערעדטע רייד
• • • (כ'האָב געוואָלט . . .)
57 • • • (ס'איז בלויער אָוונט געווען . . .)
וועסט ניט קומען צו מיר . . .
58 מיינע בריוו
59 מיין קינד'ס פיר יאָר; דיינע קושן; ביי זיך אַליין;
אַ וואָרט אַזאַ; וואַרטן וועל איך

קינדער-לידער

60 װעלװעלעס שפּילעכלעך
61 ייִנגעלע זוכט אַ לידעלע
אַ געבעט צום װינט
62 אָפּגענאַרט
63 אַ מעשה׳לע אין פֿערזן
65 קינדער פֿון אָרעמע גאַסן
66 אַ באַלאַדע פֿון אַ באַרג מיט זעקס קינדער
67 שלאָף, ייִנגעלע, שלאָף!
69 אויף אַ גאַס אונטערן בריק

פֿון בוך „דאָס פֿאָלק איז דאָ"

73 דאָס פֿאָלק איז דאָ!
74 דער פֿרימאָרגן נאָכן זיג
76 ערב גאולה-טעג
77 שטיל
78 װי הייסט זי, די װעלט?
79 איך האָב געטאַנצט
81 כאָטש נאָר אויף איין שעה
83 דער הימל אין ישׂראל
84 צופֿוסנס דעם גלבוע
85 די יונגפֿרוי אין פֿעלד
86 פֿאַניע בערגשטיין
89 אין בית-שאָן אויפֿן ייִדישן שליאַך
90 אין די בערג פֿון ישׂראל
93 מיטן-נאָװעמבער אין ישׂראל
איך זע דעם חרמון
94 ליד
95 זומערדיק
96 אין גליל העליון
99 כּנרת
100 אשרתעלע
101 ערגעץ אין אַ נײַעם ישוב אין נגב
102 דאָס לאַנד
103 פֿאַר מײַן טרייסט-װאָרט אין די רייען
105 זייער װאָרט
די טריפֿנדיקע װאָר
106 אין דײַן „יאָ" צי „ניין"
106 זיי װילן דיך הערן . . .
107 מ׳איז אים שולדיק אין הימל דעם ליכטיקסטן שטערן . . .
109 כ׳דאַנק דיר, גורל
111 זיי שטאַרק
שולד-ליד

112 מיין טאַטע
114 אין דיין צענדליק יאָר
115 העי, דו יינגל
116 צו אים, דעם חבר
118 דינה קאַפּשטיין
119 אַ גאַסט אויף יום-טוב
121 מיין ליד צו רחל קאָרן
123 צוויי לידער
125 גלויבן איז מיין פאַרמעגן
127 געוויין פון צניעות'דיקע טעכטער
די עלנטקייט
128 די פרוי מיטן הונט
129 • • • (האָסט קיין בריוו מיר ניט געשריבן . . .)
וואו ?
130 ס'קאָן זיין . . .
131 איך רייס דיך
132 בלוטיקער צווילינג ; אין שפּיגל ; אין אַלע בערג ;
ביידן ; טייכן
133 די באַלאַדע פון קאַרגן וואָרט
134 צוויי וואָזעס

נייע לידער

135 ווען גאָט רוט
136 צפת
138 צפת
139 אַ נאַכט אין די בערג פון ירושלים
141 באַלאַדע פון נגב
143 „קיין זעמדעלע פון נגב" . . .
144 חנה סענעש
אַ בליק אויף עזה-ערד
145 ביסט אָנגעקומען שפּעט . . .
146 דער מאָלער און איך
147 דער טרויער מיטן פרילינג
דער יום-טוב . . .
148 מיין אומרו
149 באַלאַדע פון צוויי בריוו
151 און ער שווייגט, און ער שווייגט . . .
152 דיאַלאָג ; און כ'וויים . . .
153 און אַז כ'וועל דיר זאָגן ; ראָמאַנס
154 • • • (זי האָט צו אים גערעדט . . .)
כ'האָב געמיינט . . .
155 און ער זעט ניט מיין ליכטיקע טרער
156 די באַלאַדע פון שפּעטן פרילינג און פריען האַרבסט

157 און איך; יאָרן; מיט די גראָזן;
• • • (ווען די זון איז זוניקער פון זון . . .)
158 ציקל פאַריזער לידער

איבערזעצונגען

פון בוך „משמש אל שמש"

163 אי תועה—פניה ברנשטיין
164 דברים שלא דברו—אברהם שלונסקי
165 אמרתי—אשר ברש
166 • • • (ערב כחול אפפני . . .)—עזרא זוסמן
167 בלדה על הניב העצור—אברהם טוביאס
168 באים מכתבים מארץ ישראל—שמואל בס
169 מכתבים—יחיל חגיז
170 ולו אף לרגע אחד—נפתלי גינתון
172 בשבילי בית-שאן—יהושע מלצר
174 צפת—משה פיינשטיין
175 ארץ-הגאולות—אברהם רגלסון
177 שירי—נפתלי גינתון
178 שמי ישראל—א.ל.פ.
179 הם רוצים לשמוע—אוריאל אופק
180 מלתם שלהם—אוריאל אופק
181 בצאתי מבית-ליד—מאיר מוהר
182 חסונה אני!—אברהם רגלסון
183 מספרים—אברהם לוינסון
185 רון לבבי—מאיר מוהר
186 רחשי אביב—שמשון מלצר
187 סבון—שמעון האלקין
188 שיר על ילדי הדלות בניו-יורק—בנימין טנא
190 הציר ואני—יהושע מלצר
191 אבי—דוד פאיאנס

רוסיש:

193 „מילאָ" (זייף)—לייב פיינבערג

ענגליש:

195 A FLAG FLIES OVER THE GHETTO—ס. פ. רודענס

נאָטן: לייב גלאַנץ—רון לבבי
פראָפ' יעקב וויינבערג—דאָס לאַנד
נחום נאַרדי—רון לבבי

פון בוך

שטאַרק בין איך

1939 (צווייטע אויפלאַגע—1946)

שטאַרק בין איך!

שטאַרק בין איך!
פּלייצעס האָב איך ברייטע,
לעכצן זיי נאָך משא.
אַקסלען מיינע, —
ציען זיך פון בענקשאַפט,
מוסקולן מיינע, — הארטע,
פאַרשטייפט אויף אויסגערוטע הענט.
אָרעמס האָב איך לאַנגע,
הענגען זיי ווי איבעריקע צעפּ,
און פויסטן — ריזיקע פאַרביילטע
זיינען גרייט דערלאַנגען קלעפּ! . . .

ציינער האָב איך וואָלפיש־שטאַרקע,
קריצן אייליק זיי אין מויל.
ליפּן האָב איך זאַפטיקע און רויטע,
שווייגן זיי אין צאָרנדיקן ווייַ . . .
אויגן מיינע גליען פייערדיק פאַרשטאַרטע
מיט אַ גבורה׳דיק געשריי:
— איך בין גרייט פאַרקויפן מיינע הענט!
ווער קומט און קויפט, ווער קומט און קויפט?!

פרימאָרגנס

דורך מיין קרומען בוידעם-פענצטער, בלייך און גרוי,
קומט אַריין אַ שנירל ליכט פון הימל בלוי.

קושן אויס טריבע אויגן דעם פרימאָרגן,
וואַרימער אָטעם לאַסטשעט אויס די זאָרגן.

כאַפּט זיך אויף די גאַס מיט דינאַמיט — פון רו,
אין קאָפּ זשומעט : שלאָף, קיין אַרבעט איז ניטאָ !

קלינגען פוס-טריט אָפּ פון נאָענט און פון ווייט,
זע איך זיך מיט אימפּעט יאָגן ביי דער זייט.

איילן מענטשן אין געיעג איבערן שליאַך,
באַגלייט מיין בליק זיי חלום'דיק און וואַך.

זינגט דער זייגער אויס מיט גדלות זיין געקלאַנג,
קומען שעה'ן און זיי רעגן מיט פאַרלאַנג.

קריכט דער טאָג ווי אַ זשאַבע אויף קורצע פיס,
ווערט אין זון פון נויט אַ ריס נאָך ריס.

צימערן

מיין צימער איז איינער פון צימערן אַ ריי,
צימערן מיט נומערן כ׳גיי טעגלעך פאַרביי.

צימערן פאַרמאַכטע מיט קליאַמקעס אויף טירן,
צימערן פרעמדע, מיט גרין-גרויע קאָלירן.

אין מיין צימער די ווענט זיינען נאַקעטע, מאַט,
יעדער שטיק מעבל דערציילט געשיכטע אַ בלאַט.

עס וואוינען דאַ מענטשן באַזונדער אַ סך,
מענטשן ווילד-פרעמדע אונטער איין קויטיקן דאַך.

יעדן פרימאָרגן מיט בליקן אַנטקעגן,
יעדן פרימאָרגן צעטיילן אונדז וועגן . . .

יעדן סוף טאָג קומט מען ווידער צוגיין,
ווער פון דער אַרבעט, ווער פון ליידיק אומגיין.

יעדער פון אונדז אַ פאַרריגלטע טיר, —
אין צימערן פרעמדע מיט גרין-גרויען קאָליר.

ווער איז שולדיק ?

ווי ווייט, ווי אָפּגעלעבט ס׳איז אין זכרון יענע צייט,
ווען ס׳פלעגן הענט מיינע און מוסקולן וואַקסן מיט דער אַרבעט גלייך,
ווען ס׳פלעגן הענט מיינע אַהיים ברענגען כוואַליעס פרייד,
און פרייד פלעגט אויפגיין אין שטוב, אין האַרץ און אויף געמיט,
פלעגט זיין גוט אַזוי אַוועקלייגן מידן קאָפּ אין רו —
דו ווייסט :
עס וואַרטן טעג אַזעלכע
אויפצונעמען מי . . .

איצט ציען נעכט זיך אַזוי שווער.
עס וויל דער שלאָף ניט רוען אויף די וואַכנדיקע ברעמען ;
איצט, —
שפּאַן איך אום אויף גאַסן גלאַט אַזוי . . .
אַרום מיר
און הינטער מיר
גליווערט שרעק און היצט דעם צאָרן :
— ווער איז שולדיק, ווער ?
ווילן ליפּן מער ניט שווייגן
און זיי שילטן
און צעשטערן,
מיט אַ יוירנדיקן שוים
די לעצטע גליווערדיקע צוים . . .
ווער איז שולדיק,
ווער איז שולדיק,
ווער ?

אין דערוואַרטונג

צוויי ביינאַכט. שפּעטע שעה.
קלינגט דער זייגער: נאָך ניטאָ.

שווער און שוואַרץ גייט די נאַכט.
קלאַפּט דער זייגער: וואַרט נאָך, וואַרט!

יעדער שאָרך, אַ שטומער גריל,
שוואַרצע שטילקייט — טויטנשפּיל.

אויער שאַרף פאַרשפּיצט צו טראָט.
געלעגער ברייט ווי גליאיק דראָט.

מינוטן, רגע'ס — האַרץ ציילט אויס,
שאָטן טוליעט זיך צו שויס.

שויס איז קאַלט, בלייך פון שרעק:
זוכן אַרבעט וואו אַוועק . . .

קומט אַ שאָרך, און ס'קומט אַ צווייטער,
אָטאָ קומט ער, אָטאָ גייט ער . . .

רוקט זיך ווייזער: צוויי, און פיר,
שטומט דער דיל, און ס'שווייגט די טיר.

דיינע טעג...

1

ס׳גייען טעג מיט טעמפּ און דראַנג,
גאַסן רעגן מיט פאַרלאַנג.

מענטשן טראָגן שטיקער לעבן,
הענט מיט מי אַוועקצוגעבן.

נאָר דיין גוף, דיין יעדער גליד,
איז פון ליידיק אומגיין מיד.

זיצסטו טעג און שלינגסט די סלינע, —
אין דיין בליק אַזוי פיל שנאה.

אין דיין וואָרט אַזוי פיל טרויער,
וואָס ברענגט דען שטילער דויער?

2

וועקט דער טאָג מיט בלוי באַגינען,
טראָג איך זיך אַוועק פאַרדינען.

האַלט איך איין מיין גאַנג אויף טרעפּ,
וואָס פאַלט אַראָפּ ווי שווערע קלעפּ.

אויף דיין צעוויינטיקט געמיט —
אָפּקלאַנג פון פרימאָרגנדיקע טריט . . .

און ווען כ׳קום אין אָוונט צוריק צו דיר
וואַרסטו שוין אויף מיר ביים טיר.

דערציילסט פון לידער ערשט געשאַפן,
אידייען נייע — אונדזערע וואפן . . .

דערצייל איך דיר פון דער פאַבריק:
אַט ערשט אַוועק און שוין צוריק.

ס׳גייט די אַרבעט אַזוי גרינג:
גאַנצע טעג נאָר איך זינג.

ס׳פרייט מיין האַרץ זיך אין געהיים:
כ׳וויים דו וואַרטסט אויף מיר אין דער היים.

שמייכלעןביידע מיר — און גאַרן
איינס דאָס אַנדערע פאַרנאַרן.

צאַרטע, ווייטיקדיקע געפילן
ווילן איינס דאָס אַנדערע פאַרשפּילן . . .

אַ בילד

מיט מיר אין אַ ריי ביי מאַשינען,
זעצן מענטשן אַוועק זיך פאַרדינען.

צעיאָגן זיך רעדער אין ווילדן געדריי,
בלייבט זיצן געבויגן איבער רעדער — מיין ריי.

ביי וועמען אויף ליפּן עס הענגט נאָך גוטמאָרגן,
ביי וועמען אויף פּנים — עס ריידן די זאָרגן.

ביי וועמען עס וועבט זיך נאָך נאַכטיקער חלום,
ביי וועמען אויפן צונג ליגן ווערטער פון שלום.

צעפלאַקערט די אַרבעט מיט אימפּעט, צעברענט,
צעוויגן זיך גלידער, צעוויגן זיך הענט.

צעיאָגט זיך די נאָדל, צעקלינגט זיך די שער:
אַלע ווי איינער אַרבעטן דאָ שווער.

הייב איך מיין קאָפּ פון געבויגענער ריי
און כ'בייט אוים אַ וואָרט מיט אַ שכנה דערביי.

מעסט אָפּ מיך מיין שכנה מיט שטומען אַרשין
און לאָזט אירע אויגן אַראָפּ צו מאַשין.

לאָזט ווייטער דער טאָג זיך אַוועק אין געיעג,
ביז אָוונט צעטיילט מיט באַזונדערן וועג.

אין דרויסן, אויף גאַסן, שוין ווייט פון פאַבריק,
זאַמלט מען ווידער צונויף זיך צוריק.

ווער ס'איז פאַרמאַטערט, ווער אויסגערוט, —
אין אַלעמענס אויגן אַ פּייערל גליט.

קומט מען, מען קומט, ס'ווערט ענגער דאָס אָרט:
יעדערער האָט דאָ צו זאָגן אַ וואָרט.

— אָט קומט אָן דער ווינטער, יקרות ווערט גרויס,
מ'וואַרפט פון די דירות אויף גאַסן אַרויס!

באַלעבאַטים פאַרבייטן אַלטע הענט אויף יונגע,
פאַר יעדער שטאָך אַרבעט דאַרף מען זיך דינגען.

— די אַרבעט צעפלאַקערט אויף וואָכן אַ פּאָר —
קינדער בעטן עסן אַ קיילעכדיק יאָר . . .

איז רעדט מען, מען רעדט, מיט שוים און מיט פּיין,
אויף גאַסן ענגע, ביי טונקעלער שיין.

שטייען בינטלעך און רעדלעך, פון נאָענט און ווייט,
נאָר אָט: ס'קומט פּאָליציי און צעוויקלט אַ שטרייט.

אויף מאָרגן אין שאָפּ זיינען ליפּן פאַרשלאָסן,
פאַרשטעפּט מען מיט נאָדלען טיפע פאַרדראָסן.

צעשערט מען מיט שערן אייגענעם וויי,
פאַרקלינגט מען מיט רעדער שטומען געשריי . . .

זיינען רוקנס געבויגן איבער מאַשינען,
הילכט אָפּ דאָס שווייגן: פאַרדינען! פאַרדינען!

סטרייקער

סטרייקער, הונגעריקע וועלף,
טרעטן אוים מיט טריט צייכנס פון נויט.
דערציילן די פּלאַקאַטן: שוין וואָכן צוועלף
ווי ס'רויבט דער באַלעבאָס דעם ביסן ברויט.

אייך, — סאָפּעט אוים דער פעטער הערעב פּייוול,
האָט ניט אַנדערש זיך פאַרוואָלט,
אַנטקעגן מיר, וואָס האָט קיין מורא פאַרן טייוול,
אַרויסצוגיין אין אַ רעוואָלט.

כאַ־כאַ־כאַ — כאַ־כאַ־כאַ,
גאַרגלט זיך דער גראָבער בויך.
שוויינגן ליפּן ביי די אַרבעטער מיט אַן איינגעפּרעסטן שאַ,
און געדאַנקען טראָגן זיך אַוועק העט הויך . . .

אויף גאַס איז ענג
פון פּיס. כאַטש נאָר אַ בריק צו מאַכן.
און אין דער לענג
הין און צוריק, פּלאַקאַטן, אויגן וואַכן.

די טיר פון דער געביידע רוט ניט אַ מינוט.
מענטשן אין געאייל: אַרויס, אַריין.
אָט! און ס'גיט אַ ברי דאָס בלוט:
העי דו, בלייב שטיין, סקעבן איז ניט פיין!

מענטשנקעפּ, ס'שווינדלט אין די אויגן.
צווישן זיי — פּאָליציי מיט רונדע קנעפּ.
איז אָט, און ס'ווערט פון הענט אַ בריק פאַרצויגן
און אדרבה, זאָל פּאָליציי נאָר וועלן געבן קלעפּ.

די זון איבער קעפּ, וואַרעמט און שיינט צו,
דער טאָג מיט שווערן גאַנג — גייט פאַרביי.
אויף דער גאַס האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ ביסעלע רו,
ביי דער געביידע שטייען: סטרייקער און פּאָליציי.

אַלע אויגן אָנגעווענדט צום טיר.
בליקן שניידן זי — ווי מעסער.
שווייגן די זאַוויעסעס, גיבן זיך ניט קיין ריר,
און ס'פאַריגלען זיך לויט אַ באַפעל, די שלעסער.

טאָג אַוועק, נאַכט איז דאָ,
סטרייקער שטייען אויף דער וואַך.
בליקן וואָרענען: האָ, האָ,
דאָס איז אַ קאַמף צווישן אָרימע און רייך!

זון־אונטערגאַנג

רויטע ברענענדיקע צווייגן
באַהעפטן זיך אין שווייגן.
רויטע פייער־פלאַמען
לעשן זיך אין בלויע ראַמען.
צינדן זיך מיט רויטקייט זאַנגען,
רוישט די לופט מיט זון־געזאַנגען.
מיט רויטקייט טרינקט זיך אָן דער הימל,
רייף ווערט טאָג אין מאַטן דרימל.
שטראַלן מינען זיך אין טאַנץ
אויף גרינער ערד.
טראָגט די לופט אַ שטיל געזאַנג:
— מונטערגאַנג!
— מונטערגאַנג!

וויג־ליד

ס'איז דיין מאַמעס בליק דיר פרעמדלעך —
ווייל זי נייט אויף טוצן העמדלעך,
פאַר קינדער קליינינקע ווי דו —
טאָג נאָך טאָג, שעה נאָך שעה.

ניט וויין, מיין קליינינק מיידעלע,
מיידעלע מיין איידעלע,
ליולינקע שאַ-שאַ.

ס'וויל דיין מאַמע ניט פאַרשפּעטיקן,
מיט דיינע שמייכעלעך זיך זעטיקן,
איילט זי זיך פון דער פאַבריק,
הונגעריק נאָך דיינס אַ בליק.

ניט וויין, קליינינק מיידעלע, א.אז.וו.

ס'איז דיין מאַמע אַ באַגליקטע נאָך,
זי אַרבעט אָפּ אַ גאַנצע וואָך,
קאָכט זי גוטע יאַיכעלעך
פאַר געזונטע קליינע בייכעלעך.

ניט וויין, קליינינק מיידעלע, א.אז.וו.

ס'איז די וועלט, מיין קינד, אַ ליכטיקע,
נאָר ניט פאַר אונדז די ריכטיקע,
דאַרפן קינדערלעך פריש-בלוטיקע
אויסוואַקסן מענטשן מוטיקע.

ניט וויין, קליינינק מיידעלע, א.אז.וו.

אויסקעמפן פאַר איטלעכן
אַ לעבן אַ געמיטלעכן,
ס'זאָלן טאַטעס, מאַמעס, קינדערלעך,
קענען לעבן וואונדערלעך.

ניט וויין, מיין קליינינק מיידעלע,
מיידעלע מיין איידעלע,
ליולינקע שאַ-שאַ.

נאָר דער . . .

נאָר דער
וואָס טראָגט אַ וויי אין יעדן גליד,
וואָס איז פון ליידיק אומגיין מיד,
נאָר דער
קען ווי אַ מידע שאָף,
קלעטערן צען שטאָק אַרויף,
און מיט ליפּן שוימיקע, ווי ביר,
אויפפּראַלן יעדע צוגעמאַכטע טיר.

נאָר דער
וואָס ווייסט ניט מער דעם טעם
פון אייגן ברויט, און וואָס בענקט
נאָך פרייד פון אייגענער מי,
נאָר דער
פאַרמאָגט אין אויג אַזאַ מין גלי,
וואָס קאָן אַ שטויבעלע פון ערד אויפוועקן,
וואָס קאָן אַ וועלט אַ גאַנצע איבערשרעקן . . .

נאָר דער
וואָס האָט אַ האַרץ און בלוט וואָס קאָכט,
קען מילד ניט זיין מיט וואָרט.
נאָר דער
מוז דורך קעמפערישער טאַט,
דערשלאָגן זיך זיין ברויט צו זאַט.
און אַראָפּנעמען די שאַנד פון ליידיקע צוויי הענט,
וואָס קלאָגן אין דער שטיל אין אָרימע פיר ווענט.

טעג

טעג פון טרויער — שטילע ווייען,
טעג וואָס גייען און ניט פאַרגייען.

טעג פון זוכן און ניט געפינען,
טעג וואָס האָבן ניט קיין זינען.

טעג אין טראַכטן טיף פאַרבאָרגן, —
טעג מיט ציטער פאַרן מאָרגן.

טעג מיט באַנג פאַרן נעכטן,
טעג — אין אייביקע געפעכטן.

אין קאַפעי

זיבן אַזייגער — פריע שעה,
אַלע טרעפן זיך אַט־אַ־דאָ.

לאַנגע טישן, בענק אַ סך,
רעדט דאָ יעדער פון זיין פאַך.

קלינגען טאַצן, פרישטיק שמעקט.
בליקן שטאַרן אום מיט שרעק.

שפאַנען מיידלעך, גרייטן, ראַמען,
כאַפּט זיך איינער : ער'ט פאַרזאַמען.

בלייבט אַ צווייטער, בלייבט אַ דריטער,
פוילער לאַנגווייל אויף געמיטער.

ווייזער רוקט זיך : זיבן, ניין,
ווי לאַנג דאָ זיצן ? צוואָוואָס נאָך גיין ?

אויף קאַלטער גאַס, דורך קלאָרער גלאָז
שפאַנען מענטשן אַרבעטלאָז.

איבער גרויער שטאָט ברענט די קעלט.
אַזוי קומט טאָג מיט יאָך אויף וועלט.

אָפּגעזאָגט

נו, איז וואָס,
אַז מיין באַלעבאָס
האָט דערקלערט אַזוי שאַרף:
נים איך וויל און נים איך דאַרף,
אַז דיין געביין און דיין מי
זאָל אויף ווייטער זיך געפינען דאָ הי!

איז וואָס,
האָט אָט־דאָס
צעקלונגען אין מוח
און אַ זודיקע כוואַליע מיט כוח
האָט געגעבן אַ צעקאָך זיך אין מיר,
אַז אויף גיך אים אין פּנים פאַרהאַקט האָב די טיר.

ווער שמועסט
אַז געוואוסט
האָב איך לאַנג שוין אַליין,
אַז היינט־מאָרגן וועט דאָס געשען.
ווייל — מעג עס זיין צו אייגענער שאַנד, —
ס'האָבן אייניקע אין שאָפּ נאָך טעמפּן פאַרשטאַנד;
פלאַפּלען זיי מיט נאַרישע צינגער
און טייטלען אויף ברידער צום באָס מיט די פינגער.

געוויס
ווערן מיד
די אייגענע טריט,
און אַפילו אויף מוטיק געמיט
באַווייזט זיך אַ קנייטש און אַ קלער,
ווייל ווער קען דען פאַרטראָגן אַ ליידיקן מאָגן, ווער?

אָבער וואָס?
אויב מיין באַלעבאָס
האָט דערפילט די געפאַר,
איז דערפאַר —
דאַרף איך בויגן ווי אַ שעפּסל מיין גוף,
ווען שערן די וואָל אים מ'רופט?

וואָס פאַר אַ ווערט האָט דען באָסישער סטראַש
קעגן דעם וואָס רופט זיך קוראַזש?
וואָס פאַר אַ באַדייט האָט דען באָסישע בייטש
קעגן דעם וואָס האָט לויטערן טייטש?
ס'איז דער כוח וואָס לאָזט זיך נים צאַמען
ווען אַרבעטער קעמפן צוזאַמען.

אין נאַכט

ס'איז די נאַכט געלעגן אַזאַ שטילע
אויסגעשפּרייט פאַר מיינע טריט;
האָט אין אַפּגלאַנץ בלויען
זיך געלייטערט מיין געמיט.

ס'האָט אויף גאַסן אָפּגעקלונגען
לעצטער לעבעדיקער שאָרך,
האָט אין מיר דאָס שווייגן זיך צעזונגען,
האָט אין פרייד פאַרטרונקען זיך מיין יאָך.

האָט ווער אין אומרו אָנגעקלאַפּט אין טיר,
אַ שלעכטע בשורה מיר געבראַכט,
האָבן ליפּן ציטערדיק געשטאַמלט וועגן דיר,
און צעטראָגן קללות אין דער נאַכט.

צו גאַסט

שנעל האָט די באַן היינט געשניטן דעם וועג.
נאָר שנעלער פון באַן — מיין בליק אין געיעג,
צו אַ געסל אַ ליכטיקס, צו אַ שטיבעלע קליין,
וואו ס'וואַרטן צוויי לעבנס זיך טרעפן אַליין.

דעכער אַלץ העכער האָבן זיך געמישט און געצויגן,
פאַרבייגייער האָבן באַגריסט מיט פרייד אין די אויגן.
מיין גוף האָט זיך געטראָגן ווי אַ פעדער גרינג —
אַהין — וואו גלעקל וועט באַלד טאָן אַ צעקלינג . . .

אָט ! ס'ווערט פאַרגליווערט לעצטער טראָט אויף אַספאַלט.
דיינע פענצטער קוקן צו מיר אַזוי קאַלט . . .
דאָס גלעקל ביים טיר זאָגט אָפּ צו באַדינען,
דערציילן די ווענט: וועסט קיינעם ניט געפינען!

האָבן שכנים דערפרייט זיך מיט מיר, — דיין גאַסט.
דערציילט פון טעג וואָס פאַלן אויף דיר צו לאַסט . . .
פון דעם, אַז דו פאַרמאָגסט צוויי גאָלדענע הענט,
און שווער צו פאַרדינען אויף דעם בידנעם „רענט".

די גאַס האָט אַלץ נאָך געאָטעמט מיט פרייד.
אין מוח האָט געברענט צאָרן פון רייד
און צעפלאַקערט אַזוי זיך אויף צעווייטיקט געמיט,
אַז צייכנס געקריצט האָבן זיך אונטער די טריט.

אין דרויסן האָבן מענטש געשפּאַנט הין-צוריק,
גליווערדיקער ווי האָט געשריען פון בליק . . .
פענצטער האָבן עלנטע זיך געטוליעט צו ווענט,
אַרום מיר האָט געשוויבלט מיט ליידיקע הענט . . .

שטילער צוק פון נייעם שטאָם

צאַפּלסט אויף מיט לייב און לעבן אין פאַרוועבטן איינגעווייד,
טוט אַ שטראַל די וועלט אַנטקעגן מיט אַזויפיל העלער פרייד.

שפּאַן איך אום מיט קאַפּ געהויבן און סע שמייכלט מיין געמיט.
ווי אַקאָרדן, שטילע לידער, זיינען זאַפּטיק מיינע טריט.

שיינט די זון מיט טויזנט שטראַלן און זי וואַרעמט מיין געביין,
רייסט מיין פרייד זיך אַ פאַרבענקטע, וויל ניט זיין אַליין.

כ׳וואָלט פאַר פרייד געלאָפן באָרוועס צום שוימיק, קאַלטן ים,
און די כוואַליעס אַנפאַרטרויעט שטילן צוק פון נייעם שטאַם . . .

כ׳וואָלט אין זאַמד זיך איינגעגראָבן טיף־טיף, מיט נעגל שאַרף,
יעדעס זאַמדעלע געלאַסטשעט, ווי די סטרונעס פון אַ האַרף.

אָדער גאַר זיך הויך צעשריען אין דער בלויער לופט אַליין,
אַז דערהערן זאָל דער הימל און די שטילקייט זאָל פאַרשטיין.

ווער־זשע לאָזט מיך ניט אַצינד אויסטיילן דער וועלט מיין פרייד ?
אָך, דאָס איז די שטילע ווייסע טויב — מיין ליכטיקע באַשייד.

מיר איז ליב אַזוי צו פילן יעדן ציטער, יעדן ריר,
און אַליין מיין חלום שפּינען אונטער ענג־פאַרמאַכטער טיר . . .

„שאַפּינג"

טירן דרייען זיך אַרויס, אַריין,
פענצטער רופן: קומט אַריין!

מענטשן לויפן, מענטשן גייען,
אויגן קוקן, אויגן זעען.

וואונדערט אַלץ און וואונדערט,
דער כישוף פון יאָרהונדערט.

ווייסע סטעליעס, לאַנגע סטופּעס,
דרייט מען זיך ווי אונטער חופּות.

מער ווי איין מאָל, מער ווי זיבן,
אַלץ באַקוקט מען און אויסגעקליבן.

טישן לאַנגע, טישן פעסטע,
אָנגעפּילט מיט אַלדאָסבעסטע.

שיך און קליידער, היט און קנעפּ.
שלאַנקע הענט, לאַקירטע קעפּ.

נעגל רויטע, אויגן גרינע,
אַזש ס׳גייט איבער דאָ די סלינע.

ביי די זייטן ציט אַרויף;
טרעפּ נאָך טרעפּ: קום און קויף!

ס׳איז פאַרגרייט געגוג פאַר אַלע,
אַלטע, יונגע, חתן, כלה.

שפּילט אַ פּלאַטע: „וויל יו בי מיין?"
און פלעשער שטייען פול מיט וויין.

אויב איר טרינקט ניט, קענט איר עסן,
זעט ווי ס׳גלאַנצן גאָפּל-מעסער.

זעט ווי טישטעכער שימערירן,
בעטן זיך מ׳זאָל באַרירן.

בליקן צוקן, פינגער, הענט,
געסט צערוקן שיר די ווענט.

ווער ביי דער זייט, ווער אין יענער,
שאַפעס גרויסן זיך מיט — שענער.

זיידנס, פּליוש, ציץ און וואָל,
אַלץ איז גרייט פאַר שענסטן באָל.

גאָלדענע שיכלעך, בעז, פּאַרפיומען,
רינגען, שפּילקעס, פרישע בלומען.

העכסט מאָדערנע, לאַנגע קרעלן,
פּאַסט עס אָן — ס׳וועט איך געפעלן!

פינקלען, בייטן זיך קאָלירן.
און די טרעפּ נאָך העכער פירן.

פאַרנייגט פאַר דיר זיך אַ דאַרע טאַליע,
כאַפּט דיך אָן אַ האַנט: פּאַוואָליע.

גליטשסטו זיך אַלץ העכער, העכער,
אָט אויף דילן, אָט אויף דעכער.

אָט אַ טעפּיך אַ געשטריקטער,
אָט אַ שטול וואָס צעוויגט זיך.

אָט אַ הויז אַ געמעבלירטע,
אַ נעט-געשמאַקע, דעקאָרירטע.

אָט אַ קיך מיט האַק און ברעטל,
לויט לעצטער מאָדע: אָן „עמפּייער סטייטל״

מ׳האָט מיט אַלץ שוין דאָ באַזאָרגט.
קלייב זיך אויס, ניט געקאַרגט!

ברענען לאָמפּן גרויסע ליכטיק,
אין יעדן ווינקל זויבער, ציכטיק.

אַז אַ מחיה, אַ פאַרגעניגן,
אין אַ וויכן שטול זיך וויגן.

ביסטו מיד שוין און פאַרמאַטערט,
כאַפּסטו זיך : אַ טאָג צעפּאַטערט . . .

און די זייגערס אין פיר עקן,
מיט שפּעטער שעה דיך דערשרעקן.

נעמסטו יאָגן, נעמסטו לויפן,
האָסט באַדאַרפט גאָר עפּעס קויפן.

וואו-זשע ביסטו ? אויף וועלכן גאָרן ?
אַזוי אַרויס גאָר פון זכרון.

שלענגלען טרעפּ זיך העכער, נידער,
און דו פאַרסט אויף טרעפּ שוין ווידער.

פאַר די אויגן קעפּ געדריי,
הינטער דיר אַ לאַנגע ריי.

אַלע וועגן איצטער פירן
צום אַרויסגאַנג — צו די טירן.

אין „קיינעמס לאַנד"

אין אַ העלן טאָג, מיט מיין קינד ביי דער זייט —
האָבן געדאַנקען פאַרטראָגן אין דער וועלט אַריין ווייט.

קינדערלעך שפּילן מיט האַרץ און געפיל,
נאָר פאַרגעסן האָב איך מיין קינד אינעם שפּיל.

די לופט דאָ געאָטעמט האָט מיט אַך און מיט ווי,
באַגלייט אינעם וועג האָט אַ בלוטיק געשריי.

אַ געשריי ניט פון הי — פון מענטשן ווילד־פרעמד,
דאָך אַזוי אייגן, ווי אויף לייב דאָס העמד . . .

דאָס געשריי פון מיין פאָלק — געוויין איבער וועלט,
אונטער פאַרוואָלקנטע הימלען, אין וואָגל, אין קעלט.

ווי קען זיך דער הימל ניט שפּאַלטן פאַר שאַנד,
ווען ס׳וואַלגערן זיך מענטשן אין „קיינעמס לאַנד" ?

ווי אַזוי שיינט נאָך די זון אין מענטשלעכע אויגן,
ווען אַ בלוטיקער פּאַס איז איבער איר פּנים פאַרצויגן ?

אַ בלוטיקער פלעק, פון מענטשלעכע הענט, —
ווער האָט דאָס ליכט פון דער וועלט פאַרבלענדט ?

— — — — — — — — — — — — — — — —

שפּילט זיך מיין קינד אַליין ביי דער זייט,
און איך, זיין מאַמע, זע אים העט־ווייט . . .

אַ גליד פון מיין ציטער, אַ טראָפּן אין ים,
אַ קינד פון מיין פאָלק, פון אור־אַלטן שטאַם.

אַ קינד מיט צוויי קוילעכדיקע יאָר אין פאַרמעג,
מיין קינד אַ שליח אין ענדלאָזן וועג.

אַ קינד און אַ מאַמע אין „קיינעמס לאַנד",
ביים ראַנד פונעם אָפּגרונט, וואו ס׳פלאַקערט די בראַנד.

אונטער פאַרוואָלקנטע הימלען, אין וואָגל, אין קעלט ;
די שטים פון מיין פאָלק — געוויין איבער וועלט.

מיין ברודער — דער סאָלדאַט

זיינען יאָרן ווי זאַנגען געהאַנגען,
רייפע און פולע פאַר שניט.
זיינען מיר זיי פאַרגאַפט נאָכגעגאַנגען,
מיט יונגע ניט־זיכערע טריט.

האָבן וועגן געפירט און געצויגן,
האָבן פאַרייניקטע וועגן — צעשיידט.
שטייט מיר דאָס בילד פאַר די אויגן:
ס׳האָט אונדז ביידן אויסגעפּעלט רייד . . .

אַזאַ צייט איז עס דעמאָלט געווען,
געמיינט: ניט מער ווי אויף שפּאַס, —
האָט געזעץ מיט רוגזה באַפוילן,
ניט געהאָלפן האָט ביטערער כעס.

פיר יאָר געלעבט אויף רומענישער ערד,
פיר יאָר פונעם שטעטל פרילוקע.
ס׳שווינדלט אין אויג נאָך די שווערד —
ס׳שטעכט נאָך אין רוקן די שפּיקע.

דאָס שטעטל הייסט יאַרוגע,
גרויס איז עס פונקט ווי אַ מויז —
האָט דער טאַטע אַן השגה:
ער׳ט פאַרפאַרן אין אַ שוחט׳ישער הויז.

די לאַגע אין שטעטל — אַ שווערע, —
מיט בעזשענצעס פול אומעטום.
בושעוועט הונגער, כאָליערע
ראַנגלען זיך לעבנס אין קלעם.

און דאָ ווערט אין שטעטל ענגער,
מענטשן קומען און קומען, —
די וואָך ביים גרענעץ ווערט שטרענגער,
עסט מען דערוויל אויף דאָס מזומן . . .

דער טיפוס, ווי אַ גיפטיקע שלאַנג,
בייסט און פרעסט די ביינער, —
ווערן טאַטע־מאַמע געפערלעך קראַנק;
און מיר זיינען קינדער נאָך קליינע . . .

און דאָס שטעטל אַזוי דערשלאָגן
מיט אייגענע צרות, פֿול נויט, —
איז שווערער פֿאַר קינדער פֿאַרטראָגן
דעם אומגליק פֿון עלטערנס טויט . . .

זיינען מיר קינדער נאָך יונגע,
און דאָס שטעטל — פֿאַרצאַרנט, פֿרעמד,
ווייסן מיר: מ'האָט זיך שוין באַדונגען, —
און אין הארצן אַזאַ ווייטיק קלעמט . . .

איז שווער אין זכרון פֿאַרבליבן
יענע לעצטע, שוואַרצע נאַכט,
ווען ס'האָבן זיך מענטשן אויף בייזוואונדער פֿאַרקליבן
און אויף באַראַט אונדז אָפּגעגעבן דער נאַכט . . .

און איצט, אין רומענישן לאַנד,
ביים זיידן און באָבען אויף קעסט;
געלעבט פֿיר יאָר נאַכאַנאַנד,
געוואָרן דאָרט היימישע געסט.

דער זיידע האָט געקליידט און געשוכט,
די באָבע — געוואַשן, געצוואָגן, —
קיינער האָט זיך ניט געריכט
די „מאַכט” זאָל אַ גזירה אַרויסטראָגן:

ניט געוואָלט האָבן מיר זיך צעשיידן,
האָט ווער אויף זיך גענומען די „זינד”,
האָט ווער מיט דער הסכמה פֿון זיידן
צוגעשריבן דיך פֿאַר אַ קינד . . .

האָט געזעץ געפֿאָדערט, באַצוואונגען:
מיר מוזן פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד!
האָסטו מיט לויטערע טרערן־רינגען
באַגלייט אונדז צום ווייטן, צום פֿרעמדן ראַנד.

די נויט האָט געפֿירט אין פֿאַבריקן.
געלערנט ווי נוצלעך צו זיין.
די נויט האָט דאָס לעבן צעוויקלט
אין טונקעלער, גרוילעכער שיין.

און פון דיר פלעגן בריוו אַנקומען
זעלטן, מיט קורצן באַשייד:
„כ׳בין געזונט, מיט לערנען פֿאַרנומען,
כ׳בענק, — שווער צו לעבן צעשיידט".

האָבן שורות געפֿינקלט פֿאַר אויגן,
און אין האַרץ אַזאַ טרויער געצונדן.
אויף מאָרגן האָבן טעג זיך געצויגן
פֿיינלעך, ווי דער ווײ פֿון די וואונדן.

אַזוי טעג, אַזוי וואָכן און יאָרן,
זיינען געקומען, אַוועק און ניט מער.
איז אַ לעבן אַ נייער באַשאַפֿן געוואָרן
און שפּרייט זיך אין וועג אַזוי שווער.

האָבן נייע וועגן גענומען זיך שלענגלען,
געפֿירט דיך אויף ניט-זיכערע בריקן.
מיט נויט און מיט הונגער זיך ראַנגלען,
דעם יאוש געדאַרפֿט אָפּט דערשטיקן.

האָט די זון צעבליט דיר דיין גוף
און דעם צוואַנציקסטן פֿרילינג געשאָנקען.
האָב איך דיר געשיקט אַזאַ פֿלאַמיקן רוף:
קום צופֿאָרן! נאָך וואָס אונדזער בענקען?

קום צופֿאָרן! ס׳וואַרט אויף דיר ברויזיק די ערד —
דאָס לעבן דאָ פֿלאַקערט אין פֿלאַמען.
— דער שונא איז שפּיזיק און שאַרף ווי אַ שווערד,
אויב קעמפֿן, — איז בעסער צוזאַמען!

זיינען וואָכן, חדשים מיט שוויגן אַוועק,
דער בריוו-טרעגער האָט דורכגעלאָזט מיין טיר,
אויף מיר האָט געלויערט אַזאַ פֿיינלעכע שרעק
ווען איך האָב געטראַכט וועגן דיר...

ביז איינמאָל אין אַ טאָג אַזאַ שטילן,
האָב איך אויף מיין שוועל דיין בריוול געפֿונען.
„מ׳האָט דערשטיקט מיין פֿרייען ווילן,
כ׳מוז ווערן אַ סאָלדאַט. כ׳גיי דינען!"

האָבן ווערטער ווי גליאיקע פונקען
געשפריצט און געטאַנצט פאַר די אויגן.
האָב איך זיך אין זאָרגן פאַרזונקען,
און געשריבן דיר בויגן נאָך בויגן.

האָב איך שיפן פולע געלאָדן
מיט רייד, מיט וואונטש פאַר דיין גליק.
געבענטשט זיי ביים פאַרלאָזן מיין באָדן,
און געציטערט ביי זייער קומען צוריק.

זיינען שיפן דורך ימים געשוואומען
פון מיין לאַנד צו דיינס — און צוריק.
ניט איין שיף איז ליידיק געקומען
אָן אַ וואָרט, אָן אַ גרוס, אָן אַ צוק.

איז שווער אויף מיר דיין שוויגן געפאַלן,
נאָך שווערער ווי מיין אייגענע נויט ;
אויף מאָרגן, ווען געשפּאַנט איבער גאַסן
צו פאַרדינען מיין טעגלעך ברויט.

האָב איך קאַזאַרמעס געזען און בעטלער,
צווישן קעפּ האָט געלויכטן דיין קאָפּ. —
האָב איך אָקאָפּעס געזען דיך גראָבן
און אין אָקאָפּעס דו לאָזט זיך אַראָפּ . . .

ווען די נויט האָט אָן אויפהער געגליט
און שווער האָבן זיך שעה'ן געצויגן,
האָב איך געהערט נאָר פון „פּיכאָטעס" די טריט,
דיין בליק געזען אין אַלעמענס אויגן.

דו שרייבסט : מיך וועט דער רוח ניט נעמען,
ס'דאַרף די וועלט זיך די גאַנצע באַפרייען.
מ'רופט דינען, וועל איך זיך ניט שעמען
מיט ביקס און שינעל זיך באַנייען.

ניט אין שינעל ליגט די געפאַר פונעם דינען,
ניט אינעם עסן שוואַרץ-קאַרענעם ברויט.
כ'האָב די געפאַר דאָ טיפער געפונען :
ס'איז דאָס בלוט וואָס שרייט : ניט טויט !

איז ווייס איך, אַ ברודער מיינער, גוטער,
די שפּראַך פון דיין בלוט איז ריין.
און כ׳פיל ווי ס׳פאַלן טעג ווי ריטער
צעברעגטע אויף דיין יונגן געביין.

אָפטמאָל ווען מיין טאָג דאָ צעפלאַקערט
און די פונקען פון ווינט צעבלאָזן,
זע איך דיין לעבן: אַ פעלד אַ צעהאַקערטס
וואָס ליגט פונעם גערטנער פאַרלאָזן . . .

טראָג איך דיין אָטעם וואַרימען יונגן
מיט זיך אין דערהיים און אויף גאַס.
אַמאָל דורך רייד, און אַמאָל דורך זינגען
צעשטער איך, פאַרטרייב איך דעם כעס.

יעדער טאָג ביי אונדז איז אַ בלאַט געשיכטע,
יעדער שעה — אַ וואָרט אויפן בלאַט.
ס׳וואוינען אַרבעטער אין גאַסן געדיכטע
און ס׳גייט זייער לעבן ניט גלאַט.

יעדער גליד פון פאַמיליע וויל לעבן,
יעדער טאָכטער און זון וואָס ווערט גרויס
גיט צושטייער זיין פרייד צום לעבן,
און אין רעשט — נעמט ליידן אַרויס.

דאָס לאַנד איז ווי אַנדערע לענדער
צעטיילט אויף קלאַסן אַ סך.
איינעמס פאַרמעגן קלעקט אויף טויזנט;
אַ צווייטער האָט איבער קאָפּ ניט קיין דאַך.

איז אָפּט מיר שווער צו פאַרטראָגן
ווען אַ קאַמף צעפלאַקערט זיך שטאַרק.
איך קען עס דיר קלאָר דאָ ניט זאָגן —
ס׳איז די ביקס ביים סאָלדאַט אויפן קאַרק . . .

כ׳דערזע ווי דורך אַ נעפּל דיין פּנים
ערגעץ ווייט דאָרט וואו דו ביסט —
און כ׳הער ווי מ׳זאָגט מיר: דערקאָן אים,
אָט שטייט דיין ברודער און שיסט!

אָבער ניין: כ׳צעעפּן די אויגן קלאָר
און כ׳דערזע שונאים פון קלאַס. —
ווערט לייכטער און בעסער ביז גאָר
צו שטיין אויף דער זייט פון מיין קלאַס.

. . .

געוויס זיינען בריוו דיינע גוטע
אין פאַרגלייך מיט דעם וואָס איך הער:
ווי ס׳גייען סאָלדאַטן אין ראָטעס,
ווי ס׳לעבט זיך אין דינסט אַזוי שווער.

ס׳זיינען בריוו דיינע, ברודער, ווי פייער אויף וואונד,
וואָס האַלט נאָך אין טריפן און טריפן.
כ׳זע קלאָר דיין לאַגע אַצינד,
כ׳קען זי ביים נאָמען אָנרופן.

וואָס קען איך דיר, ברודער, איצט שרייבן?
די לאַגע איז ערנסט פאַרשאַפּט.
בלויז אַן עצה קען איך דיר געבן:
וואָלסט אורטיילן איצטער געדאַרפט:

דאָרט וואו ס׳לעבן סאָלדאַטן אין די מאַסן,
דערקלער זיי אָפן, דערצייל:
ווען ס׳וועט רופן די מאַכט אויף גאַסן
און די עלטסטע וועלן געבן באַפעל —

זאָל מען די ביקסן ניט שטרעקן פאָרויס
און גיין אין שפּאַן צו קריג,
נאָר וואַרפן די ביקסן, און אויס!
אַ סוף זאָל עס נעמען צו קריג!

1945 (צווייטע אויפלאַגע—1946)

זינג מיין האַרץ

זינג, מיין האַרץ, אַ גרויס געזאַנג,
וואָס זאָל פאַרהילכן מיט זיין קלאַנג

די מידע וועלט — אַז אָך און וויי, —
זי שרייט אַ בלוטיקן געשריי.

אָ, זינג מיין האַרץ, און ווער ניט מיד :
עס דאַרף די וועלט דיין מוטיק ליד !

זינג אויך דאָן ווען טרערן גיסן, —
דו ביסט נאָך אַלץ דער וועלט׳ס געוויסן.

ווי נאָר אַ צרה אויף דער ערד,
פאַלט אויף דיר די שאַרפע שווערד.

אָ, זינג, מיין האַרץ, אין חבלי־לידה,
ווי מיין טאַטע און מיין זיידע

וואָס האָבן געזונגען זייערע געזאַנגען
ווען דאָס האַרץ אין ווייען איז פאַרגאַנגען,

און דורך דורות כוח זיי געגעבן
אַלע ווילדע גזירות איבערלעבן.

ביסט, מיין האַרץ, דער וואַכער עדות
צו די געזאַנגען פון מיינע שטאָלצע זיידעס,

און וועסט נאָך הערן זינגען מיינע קינד׳ס־קינדער
פון אייביק לעבן — דעם גרויסן וואונדער.

אָ, זינג, מיין האַרץ, און ווער ניט מיד :
עס דאַרף די וועלט דיין מוטיק ליד !

הערשל גרינשפּאַן

זיבעצן בלויע באַגינענס האָט דיר דאָס לעבן געשענקט.
זיבעצן בלויע פֿאַרנאַכטן האָבן אויף פֿעלדער געבענקט.

זיבעצן גאָלדענע טרוימען האָבן אין דיין בלוט געזונגען, —
איז געקומען דיין גורל — מיט וואָר דיך באַצוואונגען!

דו קינד פֿון מיין דור, קינד פֿון מיין שטאַם,
כ'האָב דיך קיינמאָל אין דיין געשטאַלט ניט געקענט.
פֿאַרוואָס-זשע דערזע איך אין מיינע אויגן דיין פֿלאַם,
וואָס פֿלאַקערט און ווערט ניט פֿאַרברענט?

און וויל איך נאָך מער דיין לעבן דערקענען, —
קוק איך זיך טיפֿער אין מיינעם אַריין.
די בריקן וואָס איך האָב געלאָזן פֿאַרברענען,
רויכערן אַלץ נאָך מיט פֿלאַמיקער שיין.

מיט זיבעצן יאָר צוריק איז עס געווען, —
ווען דו — מיין גליד-גליד-שוועסטערקינד,
האָסט דאָס ליכט פֿון דער וועלט דערזען.
צום ערשטן מאָל געהערט זינגען דעם ווינט.

געלערנט זיך שטעלן דעם ערשטן טראָט, —
האָב איך — אַ קינד פֿון יידישן שטאַם,
שוין געזויגן די קללה פֿון גאָט, —
געווען שוין אַ טראָפּן אין בלוטיקן ים.

ווען פֿאַר דיר די דייטשע היים דיינע
איז געוועזן אַ חלום פֿון לויטערן פּראַכט,—
איז מיין היים — די זאַטע אוקראַינע —
אַ שלאַכטפֿעלד געוואָרן איבער נאַכט.

דעמאָלט — געוואוסט כ'האָב אַזוי קלאָר,
אַז איך בין אַ ייד, און אַ ייד זיין איז שווער.
ס'איז געווען דאָס ניינצן־צוואַנציקסטע יאָר; —
און וואָס קענען רייד זאָגן נאָך מער?

רוצחים האָבן יידישן נאָמען
הפקר געטראָטן.
פון אַלטער שנאה געגראָבן די זאָמען,
מיט זיי — מיין לייב מיר געבראָטן.

דער וויי האָט זיך געכאַוועט אין מיין בלוט
און געוואַקסן מיט מיר איניינעם.
זיינען איצט מיינע אויגן — צוויי פונקען צעגליט,
אַז פאַרלעשן זיי קענען קיין ימים.

אָט־דער פייער, דורך דורות געצונדן, —
ווי אַ דענקמאָל אויף אונדזער לעבן געשטעלט,
האָט איצטער דיין גורל מיט מיינעם פאַרבונדן,
כאָטש ווייט זיינען מיר אין צוויי עקן וועלט.

איך זע דיך אַצינד — מיט דיין בלוט וואָס ברענט, —
ווייל אַ רויבער דיין ליכט האָט געדרויבט.
ווי דו נעמסט דיין גורל אין אייגענע הענט,
ווייל אין אמת אין טיפן דו גלויבסט.

איך הער דיך אַצינד — דיין פאַרשטיקט געוויין, —
ווי דו גייסט אַרום איבער תפיסה־דיל.
ווי דו שלינגסט דיין אומעט איינער אַליין,
און קוקסט אין די אויגן דעם טויטנשפּיל . . .

איז מעגסט עס רופן אַליין ווי דו ווילסט:
„נקמה פאַר טאַטע־מאַמעס לעבן" —
און מעג איך הערן ווי זיך דו שילטסט,
וואָס דערפאַר דאַרפן יידן אַזאַ קרבן געבן.

אַלץ איינס, הערלעך קינד,
געדעכט ביסטו, און זויבער ריין;
נים דו ביסט באַגאַנגען אַ זינד, —
נים דו ביסט געוואָרן געמיין . . .

געמיין איז דער יאָרהונדערט, שוואַרץ,
דו — דער ברען־שטאָף פון טעג.
צו קויל און צו אַש, — נאָר דיין האַרץ
איז ווי אַ שטעכיקער דאָרן דעם שונא אין וועג.

דיין האַרץ — ס׳געוויסן פון וועלט, —
דורך רויך, פלאַם און צאָרן.
פון אייביק ביז אייביק קעגן טומאה געשטעלט, —
ס׳זאָל די קדושה נים גיין פאַרלאָרן . . .

זיבעצן בלויע באַגינענס האָט דיר דאָס לעבן געשענקט.
זיבעצן בלויע פאַרנאַכטן האָבן אויף פעלדער געבענקט.

זיבעצן גאָלדענע טרוימען האָבן אין דיין בלוט געזונגען, —
איז געקומען דיין גורל — מיט וואָר דיך באַצוואונגען!

אַ וויגליד פון אַ מאַמע אין קיינעמס לאַנד

שלאָף, מיין קינד, אָן אַ בעטעלע,
עס גרינט אויף בוים אַ בלעטעלע.
איי-ליו, ליו-ליו, ליו,
פרילינג ברענגט אונדז רו.

ניט וויין, מיין קינד, ניט וויין,
ס׳איז גאָרנישט ניט געשען.
איי-ליו, ליו-ליו, ליו,
פרילינג ברענגט אונדז רו.

שלאָף, לעבן יונגס, מיין קינד,
עס איז דיין מאַמען ווי און ווינד.
איי-ליו, ליו-ליו, ליו,
פרילינג ברענגט אונדז רו.

ס׳האָבן נאַצי-וועלף אונדז פון דער היים פאַרטריבן,
זיינען מיר אונטערן הימל אויף אַ פעלד פאַרבליבן.
איי-ליו, ליו-ליו, ליו,
פרילינג ברענגט אונדז רו.

וועסט אויפוואַקסן שטאַרק ווי דער בוים אין פעלד,
זאָלסטו אַ באַלוינונג פאַר די לײַדן מאָנען ביי דער וועלט.
איי-ליו, ליו-ליו, ליו,
פרילינג ברענגט אונדז רו.

כ׳וויג דיך איצט אין וויג, פון צווייג און בלאַט געמאַכט,
איבער דיין יונגן קאָפּ פאַלט צו די שוואַרצע נאַכט.
איי-ליו, ליו-ליו, ליו,
פרילינג ברענגט אונדז רו.

לייג אין רו אַוועק דייו גאָלדן קעפּעלע,
עס דעקט דיך צו אַ בוים מיט אַ זאַפּטיק עפּעלע.
איי-ליו, ליו-ליו, ליו,
פרילינג ברענגט אונדז רו.

קומען בריוו פון ארץ־ישראל

1

ס׳דערציילט מיר מיין פעטער וועגן זיינע צוויי זין,
וואָס זיינען געבוירן אין דער שטאָט פון מאַשין:

„דער עלטערער בחור — שלאַנק ווי אַ צעדער —
אים האָט כסדר געצויגן דער ריח פון סעדער.

ווען ער האָט געשפּאַנט איבער תל־אביב׳ער גאַסן,
האָט ער זיך געזען — וויינטרויבן רייסן.

און איז ער געזעסן אין שול און געלערנט,
האָט אַ הימל אַ וויטער די ביכער צעשטערנט . . .

אַזוי האָט ער געזאַמלט זיין פאַרמעגן — די יאָרן,
און ז׳אַוועק אויפן לאַנד — צו די פעלדער מיט קאָרן.

דער צווייטער, דער יונגער, אַ בחור אַ ברען,
ער האָט די שיינקייט פון שטאָט נאָר געזען.

געפרייט האָט ער זיך מיט איטלעכער זאַך:
ווי מ׳שטעלט אויף אַ הויז און ס׳וואַקסט אויס אַ דאַך.

ווי סע ווערן געבוירן גאַסן אַ ריי,
און ווי מ׳ברוקירט אויס פון שטיינער אַ לאַנגן שאָסיי.

און איז ער אַביסל עלטער געוואָרן,
האָט אים געצויגן איבער ימים צו פאָרן.

נאָר וואוהין זאָל ער פאָרן, אַז ער האָט ליב דאָס לאַנד?
האָט ער ווייטער געלערנט, געשלייפט דעם פאַרשטאַנד.

ביז אין איינעם אַ טאָג, פון די גליקלעכע טעג,
מ׳האָט אַ האָפן פאַרטראַכט ביי תל־אביב׳ער ברעג.

ס׳האָט דאָס בלוט פון די דורות — אַלטע און יונגע
זיך אינעם בחור דעם יינגסטן צעזונגען.

איצט — מיט דער מחנה חלוצים — ביים בויען פאַרטאָן,
ס׳פלאַקערט שוין לאַנג איבערן האָפן די יידישע פאָן.

און שיפן — זיי קומען, און שיפן זיי גייען,
שיפן פאַראַנקערט מוזן אויך שטיין, —

צו היטן מיט אויגן ווי שפיזן,
דעם שונא׳ס קאַפּריזן . . .

און גרייט איז דער ישוב, ניכטער און וואָך
צו ריידן מיט שונאים אויף זייער אייגענער שפּראַך . . .

כ׳הער די שטים פונעם לאַנד — דעם שטאָלץ פון דער שטאָט,
ווען ס׳דערציילט מיר מיין פעטער וועגן די זין וואָס ער האָט.

2

ס׳שרייבט מיר מיין שוועסטער
פון עמק, פון טאָל.
כ׳לייען איר בריוו שוין צום וויפלטן מאָל:
„מיין זונעלע איז שוין זיבן יאָר אַלט.
מיר איז גוט,
וואָס איך האָב אויף ארץ־ישראל׳ער ערד
אַ קינד געבוירן.
ער גייט אין שול, ער וואַקסט, ער קוועלט.
פאַר אים —
ווי די קנאָספּן פון די בלומען,
עפנט זיך די וועלט.
ביים נאָמען רופט ער אָן יעדע זאַך,
און ווי די לופט וואָס ער אָטעמט —
קלינגט פשוט זיין שפּראַך...
ער איז פון דער זון פאַרברוינט געוואָרן,
און ווי דער הימל בלוי
זיינען זיינע אויגן.
מיט דער מאַמעס מילך
האָט ער דאָס בלוי אַריינגעזויגן.
איך וואַקס מיט אים, כ׳בין נײַ געבוירן.
כ׳זאַמל איין די אוצרות,
וואָס מיר האָבן אין וואַנדער פאַרלוירן״.

איבער געטאָ — די פאָן

העלדישער חלוץ, עס קען דיר דער קוילער ניט גרייכן.
ביסט ווי דער סנה — וואָס ווערט ניט פאַרברענט.
די בלוי-ווייסע פאָן, אַזאַ פלאַמיקער צייכן —
אין סכנה פון טויט — האַלטסט מיט גבורה אין הענט.

די געטאָ ברענט — ס׳ברענט יידיש לעבן,
דער קיום פון פאָלק איז געשטעלט אין קאָן.
איז ניטאָ איצט קיין העכערער שטרעבן —
ווי די גלויביקע, אייביק ווייס-בלויע פאָן.

די געטאָ ברענט — מיט יללות פון קינדער,
ס׳רייסט אויף די ערד, ס׳האַגלט מיט בליי.
עס ווערן פאַרטיליקט די רוצחים, די שינדער,
דער אויפשטאַנד אין געטאָ איז אַרויס אויף דער פריי!

די געטאָ ברענט — זאָל וועלט זיך דערוויסן!
גענוג שוין געלעגן אונטער נאַצישער רוט.
אויב עס איז דאָ נאָך מענטשלעך געוויסן,
זאָל ער זיך אָנצינדן מיט העלדישן מוט.

אויב ס׳איז דאָ נאָך יידישער גלויבן, —
און גלויבן איז דאָ — עס איז אָן עדות די פאָן.
עס וועט אונדזער כבוד דער נאַצי ניט רויבן,
שרייט דער ייד פון געטאָ: — דער קאַמף הייבט זיך אָן!

„תמות נפשי עם פלישתים" — באַצאָלן
זאָלן די מערדער מיט זייער בלוט,
פאַר ברידער וואָס ליגן אין גאַז-קאַמערן געשוואָלן, —
פאַר זיי — וועמען קעמפן האָט אויסגעפעלט מוט . . .

פאַר די נשמות פון לעבן דעם יונגן,
וואָס דרייען זיך אום — ווי שדים אין טאַנץ, —
האָט אונדזער צאָרן אַזוי זיך צעזונגען,
פלעכטן מיר פון בלוט און פלייש איצט אַ קראַנץ . . .

מיר שרייבן דער וועלט מיט בלוט אַ צוואה אַ נייע:
פאַרטרונקען מיט נקמה זאָל זיין יעדער דור.
אין דער נאַכט פון פסח — אַזאַ מין „באַפרייאונג"
פאַר יידן „מלכים" — פון צוויי טויזנט יאָר . . .

אָ, העלדישער חלוץ! דו לעצטער, דו ערשטער,
אין פייער פון געטאָ — דיין געשטאַלט אויבנאָן.
אין דער גרויליקער שעה פון קאַמפן די שווערסטע, —
דו וויקלסט דיין לעבן אין בלוי־ווייסער פאָן.

זייף

מיין קינד —
וואָס האָט לאַנג געוואַשן זיך די הענטלעך
און ווייך געריבן איינס אין אַנדערן
מיט זייף,
איז פּלוצלינג שטיל געבליבן,
זיך פאַרטראַכט —
און באַלד געפרעגט:
„מאַמע, פון וואָס מאַכט מען זייף?"
כ'האָב געהערט, און ניט געענטפערט.
דאָס האַרץ האָט קלאַפּן אָנגעהויבן,
און ווי צוואַנגען
האָבן זיך די ליפּן איינס אין אַנדערן פאַרקלעמט.
כ'האָב זיך פאַר מיין קינד פאַרשעמט . . .
— כ'ווייס ניט!
— אַמאָל —
האָט מען געמאַכט פון פעטס, פון . . . פון וואָס ניט?
ווערטער האָבן זיך אָפּגעריסן אינדערמיט.
— און היינט?
— און היינט, —
— היינט פון יידן! . . .
כ'האָב געוואָלט צוריקכאַפּן דאָס וואָרט,
נאָר ס'איז געווען צו שפּעט.
מיין קינד האָט זיך צעשמייכלט און געזאָגט:
„דו ווייסט ניט וואָס דו רעדסט!"

מיין שער

מיין שער איז ניט פאַרזשאַווערט,
זי איז נאָר אַש קאָליר.
יאָרן לאַנג האָבן מיר זיך גע׳חבר׳ט, —
איז זי איצט אַ טייל פון מיר.

ווען כ׳נעם מיין שער אין האַנט,
דערזע איך זיך ביי דער מאַשין.
ווען יעדער שנייד אינעם געוואַנט
געהאַט האָט גאָר אַן אַנדער זין.

ווען יעדער שניט מיט שאַרפן מעסער
האָט ווי געזאַנג אין לופט געקלונגען.
געניית האָבן זיך די קליידער בעסער —
ווען מאַשין מיט רעדער האָבן צוגעזונגען.

געווען איז מיין שער — ווי באַלייטן:
מיט דער מי איניינעם האָט זי געבליט.
איצטער זיינען אַנדערע צייטן, —
נישטאָ קיין זריעה פאַר איר שניט . . .

ליגט מיין שער ביי מיר באַהאַלטן, —
און מיט איר — מיינע טעג פון מי.
עס ווייעט פון איר מיט אָטעם קאַלטן,
ווי זי וואָלט אַ פרעמדע געווען פון ניט־הי.

סע בלאַנקען אירע שאַרפע שפּיצן,
די רונדע אויגן ריידן צו מיר שטיל:
שוין אַזוי לאַנג ווי מיר פלעגן טוצן
קליידער שאַפן ווי אַ שפּיל!

כ׳פלעגט אויף דיר געהאָרכזאַם וואַרטן
ביז וועסט אין די פרימאָרגנס קומען.
אין די לאַנגע שטילע אויפדערנאַכטן, —
מיט פרישן כוח זיך אָנגענומען.

איצט — איז דער כוח מיר דערווידער!
עס גאַרט מיין שאַרף — נאָכן שניט.
איך ווער פון וואַרטן מיד און מידער, —
יענע צייט — זי קומט מער ניט.

קוק איך אויף מיין שער די מאַטע,
צערטל זי — און קלער:
ס׳וועלן געווים נאָך קומען יאָרן זאַטע
פאַר דעם מענטש און פאַר דער שער.

„מאַמע, כ׳האָב דיך ניט ליב"

מיין ייִנגעלע איז יונג, שפּילעוודיק,
און הונגעריק נאָך פרייד.
וויפל אמת, וויפל ווייטיק,
ליגט אין זיינע קורצע רייד?
„מאַמע,
פאַרוואָס פירסטו מיך צו יענער פרוי?
זי האָט אירע קינדער.
איך וויל זיין מיט דיר —
מיט דיר באַזונדער!"
„איך גיי אַוועק פון שטוב פאַרדינען צוליב דיר!"
קוקט מיין ייִנגעלע מיך אָן
מיט צוויי פאַרטרערטע אויגן.
צווישן זיין פאַרשטיקט געוויין
רייסט זיך אַרויס אַן אמת:
„מאַמע, כ׳האָב דיך ניט ליב!"
זיינע רייד טוען אַ ברי —
ווי אָנגעגליטער אייזן.
אומזיסט —
אומזיסט מיין אמת אים באַווייזן . . .
גאַנצע טעג —
ביי דער מאַשין געבויגן,
זע איך צוויי פאַרטרערטע אויגן . . .
„מאַמע — כ׳האָב דיך ניט ליב!"
דריי איך שטאַרק און שטאַרקער נאָך די ראָד,
ווי איך וואָלט ביי איר זוכן גנאָד.
שטעפּ אַריין אין יעדן נייעם קלייד
מיין קינד׳ס בענקעניש נאָך פרייד.
מיט איעדן שאַרפן שטאָך
לעכער דורך
דעם יום-טוב פון מיין וואָך.

צו אַ פריינט

זיינען מיר געגאַנגען צוויי, —
אין מיטן — דער טרויער.
דער טאָג,
האָט ווי אַ גוטע מאַמע אונדז יעדן אבר אויסגעקושט.
און דו, מיין פריינט,
האָסט די לופט געשניטן מיט דיין פאַרשטיקט געוויין.
זיינען מיר געגאַנגען צוויי.
אַנטקעגן אונדז
אַזויפיל מער.
קיינער האָט ניט אויסגעווישט דיין טרער.
האָט דיין טרער זיך פאַר דער וועלט פאַרשעמט,
און איז צווישן אויגנדעקלעך געבליבן צוגעקלעמט.
זיינען מיר געגאַנגען צוויי,
געמיינט אַז מיר שווייגן . . .
די זון —
האָט פאַר אונדזערע אויגן געטאַנצט און געלאַכט,
ווי ס'האָבן דיינע טרוקענע ליפּן
איינס דאָס אַנדערע געפּרעסן.
פון דיין ברוסט, —
שטיקער טרויער,
אַלטער זשאַווער,
האָט זיך געבראָכן אויף דער פריי.
זיינען מיר געגאַנגען צוויי,
און זיך געטרייסט:
עס איז דעם מענטשנס ליידן כלל ניט ניי.
אויף רוישיקער גאַס,
האָבן ווי אַקאָרדן אָפּגעקלונגען דיינע טריט.
אין טיפן שווייגן
האָט זיך געלייטערט דיין געמיט.
זאָל עס זיין אַזוי, מיין פריינט!
נעם צונויף די פּערל, —
שטילע שעה'ן פון אונדזער גאַנג,
צערטל זיי און טראַכט:
עס קומט אויף בלויער מאָרגן
נאָך יעדער אָפּגייענדיקער נאַכט.

קיינמאָל נאָך ווי היינט

קיינמאָל נאָך ווי היינט האָט דער וואַלד אַזוי געשמעקט.
קיינמאָל נאָך ווי היינט איז דאָס פעלד געווען אַזוי אַפּגעדעקט.
קיינמאָל נאָך ווי היינט האָט די לופט אַזוי געצויבערט.
קיינמאָל נאָך ווי היינט האָט זיך פון ווינט מיין קאָפּ אַזוי צעשויבערט.

קיינמאָל נאָך ווי היינט האָט די שטילקייט פון דער נאַכט אַזוי גערעדט.
קיינמאָל נאָך ווי היינט האָבן אויגן אַזוי מאַמעדיק געגלעט.
קיינמאָל נאָך ווי היינט האָבן מיינע טריט אין גאַנג אַזוי געשוועבט.
קיינמאָל נאָך ווי היינט האָב איך דאָס לעבן אַזוי לעבעדיק געלעבט.

קיינמאָל נאָך ווי היינט האָבן מיינע גלידער איינציקוויז געזונגען.
קיינמאָל נאָך ווי היינט האָט אין יעדן קלאַנג דיין נאָמען אָפּגעקלונגען.
קיינמאָל נאָך ווי היינט בין איך אויף שטיינערנעם וועג געגאַנגען אַזוי
גלאַט, —
קיינעם נאָך ווי דיך האָבן איך אַזוי ליב געהאַט.

אין אָט־דער נאַכט דער שטילער

איך קוק אויף דיר צום לעצטן מאָל
און דו ווייסט עס נישט אַפילו.
צווישן אונדז — אַ טיפער טאָל, —
און אַ נאַכט אַ שטילע.

איך רייד צו דיר דאָס לעצטע וואָרט
און דו הערסט עס ניט אַפילו.
אין אָנדענק בלייבן וועט דאָס אָרט, —
און די נאַכט די שטילע.

איך גיי מיט דיר דעם לעצטן גאַנג
און דו פילסט עס ניט אַפילו.
סע ווייגט אין מיר אַ שטיל געזאַנג, —
אין דער נאַכט דער שטילער.

דו שמייכלסט צו מיר דאָס לעצטע מאָל
און דו ווייסט עס ניט אַפילו.
גוט איז ליבער דיר און וואויל
אין אָט־דער נאַכט דער שטילער.

ניט־גערעדטע רייד

ווי־פיל מאָל האָב איך זיי שוין פון דיר געהערט ?
אַלץ נאָך ניט גענוג.
אַזוי־פיל קלאַנגען אין דיין שטים.
און דו מיינסט —
דו האַלטסט אַ סוד פאַרבאָרגן . . .
דו פילסט ניט,
און דו הערסט ניט,
ווי דיינע רייד צעזינגען אין מיין בלוט,
און מיר איז גוט,
וואָס דו האָסט ניט וואָס צו זאָגן.
כאָטש אַלע חושים וואַכן אויף
אָנגעשפּיזט צו הערן, —
איז מיר גוט
וואָס דו האָסט ניט וואָס צו זאָגן —
גוט ביז טרערן . . .
און כ׳האַלט דעם אָטעם איין,
כ׳ציטער,
ס׳זאָל אַן אַנדער וואָרט
חלילה פון דיין מויל ניט פאַלן.
ס׳זאָל ניט אויסלעשן זיך דאָס ליכט,
וואָס שטראַלט פון ניט־גערעדטע רייד.

• • •

כ׳האָב געוואָלט אויסטאָן זיך פון טרוים,
מיין האַרץ איינוויגן צום שלאָפן,
בין איך פאַרבייגעגאַנגען אַ בוים,
האָט ער דערמאָנט : דאָ האָבן מיר זיך געטראָפן.

כ׳האָב געוואָלט דיך אויסוואָרצלען פון מיין געביין,
אינגאַנצן אָן דיר פאַרגעסן,
האָט דערציילט אַ ווייסער שטיין :
אָט־דאָ זיינען מיר געזעסן !

כ׳האָב געוואָלט דאָס לעצטע מאָל דריקן דיין האַנט,
אויף שטענדיק זיך מיט דיר געזעגענען,
האָב איך אויף גאַסן אומגעשפּאַנט,
האָבן גאַסן מיר געזאָגט : וועסט אים נאָך באַגעגענען !

• • •

ס'איז בלויער אָוונט געווען,
און איך בין שפּילעוודיק געוועזן ווי אַ קינד.
דערנאָך — האָט די שפּעטע נאַכט צוגעזען,
ווי ס'האָט מיך אַהיים באַגלייט אַ שטורעם־ווינט . . .

די לופט האָט שטיל געשוויגן,
צוגעהערט ווי ס'וויינען טויזנט באַנגען.
כ'האָב ניט געקענט מיין הארץ פאַרזויגן, —
ס'איז פול געווען מיט וויי־געזאַנגען.

גאָט אַליין — לאַנג האָט שוין גערוט.
יעדער ווינקעלע האָט דערציילט: ס'איז שפּעט!
נאָר איך צו דיר — אין מיין בלוט
דורך מיילן פיין האָב גערעדט . . .

... וועסט ניט קומען צו מיר

כ'האָב מיין שטוב היינט אויפגערוימט
ציכטיקער ווי אַלע מאָל.
כ'האָב דאָ אַזוי דיך אויסגעטרוימט,
אַז פון יעדן ווינקל רעדט דיין קול . . .

כ'האָב היינט די לאָמפּן אָנגעצונדן
העלער ווי אַלע נאַכט.
און די פלאַטערדיקע שטונדן
כ'האָב געשלונגען — און געוואַרט.

כ'האָב מיין בליק אַריינגעקלאַמערט
אין דער שטומער טיר —
נאָר דאָס הארץ האָט אויסגעהאַמערט:
וועסט ניט קומען צו מיר!

מיינע בריוו

אַזויפיל ניט־געשריבענע בריוו
ליגן אין מיין האַרץ־אַרכיוו.

אַלע טאָג — אַ נייער אות.
שטילער צער — פאַרדראָס.

אַ טראָפּן פרייד, אַ פונק פון גליק,
אויפגעכאַפּט אין דיין בליק.

קלאַנג פון וואָרט, אַ געדאַנק,
ווי אַ יאָרצייט־ליכטל צאַנקט

און דערמאָנט: יעדע רגע, יעדע שעה
אין מיין לעבן ביסטו דאָ.

אַזויפיל ניט־געשריבענע שורות,
אויפגעשטראַלטע ווי גוטע בשורות

ציען זיך צו וויים פּאַפּיר, —
מאָנען תיקון ביי מיר . . .

שרייב איך דיר אַ שורה־גריסל
יעדן טאָג אַביסל.

אַלע טאָג — מיט פרייד און שרעק
כ׳שיק דיר בריוו אַוועק.

איך צייל די טעג, איך צייל די נעכט, —
אַלץ קיין ענטפער ניט געהערט . . .

מיינע בריוו — האָסט זיי ניט געלייענט ;
אין פרייד און טרויער כ׳האָב זיי אויסגעוויינט.

מיינע בריוו — כ׳האָב זיי ניט געשריבן, —
זיי זיינען פונקט ווי דו — ביי מיר אין האַרץ פאַרבליבן.

מיין קינד׳ס פיר יאָר

זעקסאונצוואַנציק יאָר אַליין
מיינע פרילינגן געפרילינגט.
ניט איינער איז געוועזן אַזוי שיין
ווי די — וואָס האָבן אונדז פאַרצווילינגט.

דיינע קושן

דיינע קושן — זיינען קושן.
מיינע — ליבע־ווייען.
דיך — זיי זעטיקן און פרישן;
מיך — זיי פייניקן — און פרייען.

ביי זיך אַליין

כ׳בין ביי זיך אַליין גאָר חשוב׳ער געוואָרן.
ביי זיך אַליין — גאָר שענער,
וואָס אין גאַנג פון מיינע יאָרן, —
כ׳האָב אויסגעקליבן דיך פון אַלע מענער.

אַ וואָרט אַזאַ

אַ וואָרט — וואָס איז דער זין פון זינען,
אַ וואָרט — וואָס אייביק ליגט אויף דעם דער טוי פון באַגינען.
אַ וואָרט — כ׳האָבדיכליב —וואָס איז ווי דער פרילינג יעדן מאַי
תמיד פריש — תמיד ניי.

וואַרטן וועל איך

וואַרטן וועל איך וואַרטן אַ לעבן לאַנג
און זינגען וועל איך זינגען מיין געזאַנג.
מעג די ערד אונטער מיינע טריט ווי ברענען, —
וועל איך לערנען מיין האַרץ ליב האָבן קענען.

וועלוועלעס שפּילעכלעך

וועלוועלע איז אַ ייִנגעלע, אַ פּיצעלע, אַ ברעקעלע,
שפּילט ער זיך מיט שפּילעכלעך, מיט רייפעלעך און גלעקעלעך.

שפּילט ער זיך מיט הינדעלעך, מיט גענדזעלעך און קאַטשקעלעך,
פאַרן זיינע שפּילעכלעך מיט פערדעלעך אויף טאַשקעלעך.

וועלוועלע האָט אַ שטימעלע, צאַרט אַזוי און שטיל, —
רעדט ער צו די שפּילעכלעך און שטעלט צונויף אַ שפּיל.

קוקן זיינע שפּילעכלעך אין די אויגן אים אַריין,
קיין איינציקער פון זיי קען אים ניט פאַרשטיין.

רעדט ער און ער רעדט, מיט אַן איינגעהאַלטן קול,
צערטלט זיי און גלעט זיי, ניין־און־ניינציק מאָל.

טוט אַ שפּרונג דאָס פערדעלע אין האַסטיקן גאַלאָפּ,
נעמען גלייך די גענדזעלעך און לויפן אויך אַראָפּ.

צעקייקלען זיך די רייפעלעך, קיילעכדיק קייל־קייל,
און נאָך זיי די איבעריקע אין אַ גרויס געאייל.

קוקט וועלוועלע מיט אייגעלעך, צוויי טרויעריקע, נאַס,
און ס׳ווערן ראָזע בעקעלעך אויסגעצערט און בלאַס.

בלייבט דאָס קליינע וועלוועלע אין בעטעלע אַליין, —
און עס פאַרקייכט דאָס הערצעלע אין אַ גרויס געוויין.

לויפט אַריין די מאַמע, זעט זי אויפן דיל
דרייען זיך די שפּילעכלעך ווי רעדער אין אַ מיל.

שטייט זי אַ פאַרגאַפטע: וואָס הייבט מען אָן צו טאָן?
כאַטש קלייב צונויף די שפּילעכלעך און פאַטש זיי גוט, גוט אָן . . .

קוקט וועלוועלע מיט אייגעלעך אויף מאַמען און אויף דיל,
און בעט זיך ביי איר שוויינגנדיק: שטעל צונויף די שפּיל.

כ׳נעם צונויף די שפּילעכלעך — שטעל אויף די שפּיל צוריק
און ס׳שטראַלן אויף די אייגעלעך מיט נייעם, ריינעם גליק.

ייִנגעלע זוכט אַ לידעלע

לידעלע האַרציקע, קום צוגיין
צו אַ ייִנגעלע־זינגעלע, ייִנגעלע קליין.

ייִנגעלע־זינגעלע זוכט דיך אַרום,
לידעלע זיאַם, לידעלע זיאום.

האָסט זיך באַהאַלטן אין ייִנגעלעס שטוב,
בענקט ער נאָך דיר, ער האָט דיך ליב.

קום־זשע, דו לידעלע, פון באַהעלטעניש אַרויס,
עס שטרעקט דיר מיין ייִנגעלע די הענטעלעך אויס.

און בלייב שוין אויף שטענדיק לידעלע שיין
אין ייִנגעלעס יונגן, צאַרטן געביין.

זיי מיט אים תמיד — פון פרי ביזקל שפּעט,
ביים שפּילן, ביים עסן, ביים גיין שלאָפן אין בעט.

אַ געבעט צום ווינט

ווינט דו בייזער, ווינט וויו־וויו,
צעשטערסט מיין ייִנגעלע דעם שלאָף.
עס זינגען אַלע אברים רו
אין זיין מידן גוף.

ווינט דו בייזער, ווינט וויו־וויו,
ניט ברעך די צווייגן פונעם בוים.
עס וויל מיין ייִנגעלע אין רו
וועבן זיך אַ טרוים.

ווינט דו בייזער, ווינט וויו־וויו,
שטורעם ניט די וועלט.
עס וויל מיין ייִנגעלע האָבן רו
אין זיין בלוי געצעלט.

אָפּגעוואַרט

אַ גאַנצע נאַכט כ׳בין ניט געשלאָפן,
מאַמע, איבער דיר.
כ׳האָב געמיינט דו ביסט אַנטלאָפן
גאָר פון מיר.

איך כאַפּ זיך אויף, ס׳איז שפּעט,
וואו איז די מאַמע, וואו?
כ׳נעם דעם זייגער אַריין אין בעט
און איך צייל די שעה.

האָסט שוין לאַנג געדאַרפט דאָ זיין,
מאַמע, מאַמע שיין.
שליס די טיר אויף, קום אַריין,
איך קען ניט זיין אַליין.

אַ גאַנצע נאַכט כ׳האָב געוואַרט —
און צו דיר גערעדט.
צום סוף — האָסט מיך אָפּגענאַרט
און געשלאָפן אין אַן אַנדער בעט...

אַ מעשה׳לע אין פערזן

יאַסעלע מאַזען אַ מתנה

ווען די זון האָט אונטער וואַלד געגומען זיך קלייבן
און דאָרטן אויף לאַנג געזאָלט שוין פאַרבלייבן

האָבן קינדערלעך געזוכט מיט וואָס צייט צו פאַרטרייבן
און אַוועק אין וואַלד אַריין יאַגעדעס קלייבן.

שפּאַנט מאַמע מיט קינדער, מיט ערדענע טעפּעלעך,
איבער גראָזיקע וועגן און שטיינערנע טרעפּעלעך.

וואַקסן יאַגעדעס רויטע, געדיכט און אַ סך,
ווערן קינדערלעך פריילעך, אַ רים און אַ לאַך.

איינע איז אַ גוטע, איינע איז פויל,
איינע אין טעפּל; די צווייטע — אין מויל.

ווען ס׳זיינען די טעפּלעך מיט יאַגעדעס געוואָרן פאַרפילט,
זאָגט מאַמע אַז ס׳האָבן זיך קינדערלעך גענוג שוין געשפּילט —

און פריילעכע לאָזט מען זיך אַלע אַהיים גיין, —
פּלוצלינג! — בלייבט יאַסעלע שטיין,

פאַרשטעלט מיט די הענטלעך דאָס ערדענע טעפּעלע
און ברוגז׳לעך שאָקלט ער מיטן קעפּעלע.

„כ׳וויל נאָך ניט גיין”, טופּעט ער מיט אַ פיסעלע, —
„איר האָט פולע טעפּלעך, און איך נאָר אַ ביסעלע”.

ווערט אַ געליאַרעם, אַ פריילעך געשריי,
ס׳זיינען קינדערלעך גרייט זיך שפּילן אויפסניי.

כאַפּט איינער אַ צווייגל, דער צווייטער אַ שטיין, —
נאָר יאַסעלע איז ברוגז, וויל בלייבן אַליין.

בעט זיך די מאַמע ביי יאָסעלען שטיל:
„לאָמיר, מיין קינד, מאַכן אַ שפּיל!

אָט זיינען די טעפּלעך פולע און גרויס,
לייגן מיר די יאַגעדעס ביידע אַרויס.

כ'וועל אָנהויבן ציילן פון איינס ביז ניין,
ביז דעמאָלט די טעפּעלעך מוזן פולע שוין זיין.

וועמענס טעפּעלע צום ערשט עס ווערט פול —
דער פון אונדז ביידן האָט געוואונען די שפּיל".

ווערט יאָסעלע פריילעך, די אויגן צעשטראַלן,
און יאַגעדעס פלינק אין טעפּעלע פאַלן . . .

ס'האָבן קינדערלעך אַלץ נאָך אין וואַלד זיך געשפּילט,
יאָסעלע האָט זיין טעפּעלע לאַנג שוין פאַרפילט.

די זון האָט געלויכטן מיט רויטלעכן שמייכל, —
און דער וואַלד האָט געקוואָלן פון קינדערשן שכל.

קינדער פון אָרעמע גאַסן

פאַראַן אַזעלכע גאַסן, אין האַרץ פון ניו־יאָרק,
וואָס ליגן ווי אַן הויקער ביי איינעם אויפן קאַרק.

פאַראַן אַזעלכע שטיבער דאָרט אין די גאַסן,
וואָס שניידן ווי מיט מעסער מענטשלעכן געוויסן.

דאָרטן וואוינען קינדער, מיט מאַמעס און מיט טאַטעס,
זייער ברויט איז אָרעם; זייערע קליידער — שמאַטעס.

זייערע טירן סקריפּען, זייערע פענצטער זיינען צעבראָכן,
אַפילו אין אַ יום־טוב איז ביי זיי אינדערוואָכן.

די טאַטעס צו דער אַרבעט שטייען אויף באַגינען,
איילן אין דער ווייט אויפן ברויט צו פאַרדינען.

בלייבן אין די שטיבער צוזאַמען מיט דער נויט
קינדערלעך וואָס וואַרטן אויפן שטיקל ברויט.

די ווענט פון די שטיבער — אומעטיק און נאַס,
זוכן יענע קינדער זייער שפּיל אויפן גאַס.

וואו אַ וואַסער שפּריצט, וואו אַ פייער ברענט,
דאָרט זיינען זיי דאָ מיט די דאַרע הענט.

וואו סע איז געפאַר, וואו פאַרשפּאַרטע גראַטעס,
דאָרטן קריכן קינדער און מיט זיי די שמאַטעס.

אויף אַלע קרומע וועגן, ווי פון ערד די קראָטן, —
לויפן זיי אַרום — צולהכעיס די געבאָטן . . .

פון קיין אויג באַוואַכט, פון קיינעם ניט געהיט,
דאָס לעבן קאָכט און ברויזט — זיי זיינען אינדערמיט.

און נאָך אַזעלכע טעג, נאָך אַזאַ מין גליק,
קערן מידע קינדער צו שטיבער זיך צוריק.

דאָרטן אין די היימען, אין די גרויע לעכער,
וואו די זון פאַרשטעלט איז פון הויכע דעכער.

וואו סע איז דאָס ליכט אַ גאַסט נאָר אין פרימאָרגן,
דאָרטן וואַרטן מאַמעס און מיט זיי די זאָרגן.

אַהין קומען די קינדער מיט די מידע גלידער
און פאַלן ווי שעפעלעך שטילינקע אַנידער.

אַ באַלאַדע פון אַ באַרג מיט זעקס קינדער

דער באַרג איז אַ הויכער,
דער באַרג איז אַ ווייסער.

דער שליטן אַ וויכער, —
מיין יינגל דער שמייסער.

אַט פליט ער אַראָפּ, אַט פליט ער אַרויף,
אַ גליטש און אַ קוויטש, אַ לאַך און אַ לויף.

דער באַרג איז אַ גלאַטער,
מיין יינגל — אין פלאַטער.

צוויי קינדער אַראָפּ, צוויי קינדער אַרויף,
אַ גליטש און אַ קוויטש, אַ לאַך און אַ לויף.

דער באַרג איז אַ מילדער,
מיין יינגל — אַ ווילדער . . .

דריי קינדער אַראָפּ, דריי קינדער אַרויף,
אַ גליטש און אַ קוויטש, אַ לאַך און אַ לויף.

דער באַרג איז אַ קאַלטער,
מיין יינגל — אַט פאַלט ער.

פיר קינדער אַראָפּ, פיר קינדער אַרויף,
אַ גליטש און אַ קוויטש, אַ לאַך און אַ לויף.

דער באַרג איז אַ רונדער,
מיין יינגל פון שליטן — ז'באַזונדער . . .

פינף קינדער אַראָפּ, פינף קינדער אַרויף,
אַ גליטש און אַ קוויטש, אַ לאַך און אַ לויף.

דער באַרג איז אַ ווייטער,
אַ מידער דער רייטער.

זעקס קינדער אַראָפּ, זעקס קינדער אַרויף,
אַ גליטש און אַ קוויטש, אַ לאַך און אַ לויף.

צום באַרג איז די נאַכט אַרונטערגעקומען,
מיין יינגל דעם שליטן אַהיים האָט גענומען.

שפּאַנען זעקס קינדער מיט שפּיל אין די גלידער,
דער פראָסט און דער שניי באַגלייט זיי מיט לידער.

שלאָף, יינגעלע, שלאָף!

שלאָף, יינגעלע, שלאָף —
כ׳וועל דיר דערציילן אַ מעשה פון שאָף.

און וועגן אַ פּאַסטוכל באָרוועס און קליין,
וואָס האָט געפּאַשעט די שעפּעלעך איינער אַליין.

שלאָף, יינגעלע איין, מאַך די אייגעלעך צו,
סע שלאָפן די שעפּעלעך אויך איצט אין רו.

נאָר איין שעפּעלע איז פאַרבליבן אין טאָל —
אַ שעפּעלע קליין מיט קרייזעלעך וואָל.

איז געקומען אַ וואָלף, דאָס שעפּעלע פאַרצוקט, —
זיך צוריק אין וואַלד אין זיין נארע פאַרוקט.

די נאַכט האָט דעם טאָל מיט אַ נעפּל פאַרדעקט,
קאַיאָר האָט די זון דאָס פּאַסטוכל געוועקט.

ער האָט גענומען זיין פייפל, די טאָרבע, דעם שטעקן,
און איז געגאַנגען אין וואַלד דעם וואָלף אויפוועקן . . .

איז געקומען דאָס פּאַסטוכל צום וואָלף אין דער נאָרע,
ער האָט געריסן אין אומעט פוןביימער די קאָרע.

געבויגן די צווייגן, געפּייפט ווי דער ווינט, —
געבענקט נאָך זיין שעפּעלע — דעם פּאַסטוכלס קינד.

דער וואָלף האָט די אויגן געעפנט, און באַלד
האָט אַ וועלפישער ברומען פאַרהילכט דעם וואַלד.

דאָס פּאַסטוכל באָרוועס, און איינער אַליין
דערזען דעם וואָלף — איז פאַרגאַן אין געוויין.

דער וואַלד האָט פאַרשלונגען ס׳געוויין און געברום,
און מוראדיק שטיל איז געוואָרן אַרום.

די ביימער די שווערע, די בלעטער, די צווייגן,
זיי האָבן דעם אָטעם פאַרהאַלטן אין שווייגן.

שלאָף, ייִנגעלע, שלאָף, —
עס וואַרט נאָך אַלץ די טשערעדע שאָף —

ס׳זאָל דאָס פּאַסטוכל באָרוועס און קליין
מיטן פאַרלוירענעם שעפעלע קומען צוגיין.

שלאָף, ייִנגעלע, שלאָף — דער פּאַסטוך איז דאָ,
עס שפּרייט איצט די נאַכט איר ליבלעכע רו —

פאַר קינדערלעך קליינע מיט גאָלדענע לאָקן,
מיט אייגעלעך בלויע וואָס זיינען צעשראָקן.

שלאָף, ייִנגעלע, שלאָף, שעפעלע דו,
ס׳ע שרייט איבער וועלט אַ שוואַרצע קראָ.

עס זיינען די וועלף פון נאָרעס אַרויס,
זיי ווילן פאַרצוקן סיי קליין און סיי גרויס.

שלאָף, ייִנגעלע, איין, נעם מיט כוח זיך אָן —
מירן באַשיצן דאָס לעבן וואָס שטייט איצט אין קאָן.

אויף אַ גאַס אונטערן בריק

אויפן גאַס אונטערן בריק
טאַנצן קינדער אויף אַ שטריק.

גייט די זון פון אַלע וועגן
צו די קינדערלעך אַנטקעגן.

טאַנצן פיסלעך אום געשווינד
און די האָר צעבלאָזט דער ווינט.

שטייען הייזער — גרויע, שטילע,
קוקן צו ווי קינדער שפּילן.

און די פענצטער מיט די טירן
לאָזן זיך צום שפּילוועג פירן.

און די דילן מיט די שוועלן
כאַפּן אויך אַ קוק אַ העלן,

ווי עס טאַנצן פיס און הענט,
אַז עס הייבן זיך די ווענט.

יאָגן אויפן בריק מאַשינען
און זיי הודזשען ווי די בינען.

עראָפּלאַנען הויך אין הימל
דרייען זיך ווי אין געווימל.

און איבער וואַסער אין דעם טיפן
פאָרן אום און פייפן שיפן.

פּלוצלינג ווערן קינדער שטיל
און מע רוט זיך אָפּ פון שפּיל.

אַלע טראַכטן, אַלע קלערן:
וואָס וויל יעדער פון זיי ווערן?

ערשטער זאָגט: „אַ קאַפּיטאַן!"
צווייטער — „באָמבאַדיר אויף עראָפּלאַן!"

נאָר איין יינגל שווייגט און הערט,
אין געדאַנקען טיף פאַרקלערט.

פרעגן קינדער און מע לאַכט:
„וואָס ביסטו אַזוי פאַרטראַכט?"

ס'קוקט דאָס קינד אַרויף צום הימל
און ער וואַנדערט דאָרט אין דרימל.

כאַפּט ער אויף זיך: — „אַ פּילאָט!"
וואוהין ער פליט? — „אַ מלחמה-סוף" . . .

לאַכן קינדער פון דעם שנעק,
וואָס ער וואַרפט די שפּיל אַוועק

און ער וויל אין כמאַרעס רייטן,
אין די וועלטן, אין די ווייטן . . .

און דער טאָג ווערט רייפער, רויטער,
לויכטן אויגן פריידיק, לויטער . . .

וואַרפן קינדער שפּיל און שטריק
און מע לויפט אַהיים צוריק.

פול מיט פרייד און פול מיט גליק
פון דער שפּיל אונטערן בריק.

פון בוך

דאָס פּאָלק איז דאָ

(1951)

ברכה קאַפּשטיין

דאָס פאָלק איז דאָ!

כ׳וויל אַ ליד פון ארץ שרייבן
און עס שטומט מיין וואָרט,
ווייל לידער זינגען דאָ אַרום
פון יעדן אָרט.

כ׳וויל מיין פרייד אויספרייען
און כ׳ווייס ניט ווי אַזוי;
ס׳איז מיין פרייד געמישט מיט ווייען,
ווי ס׳גלאַנצט די זון אין ארץ אויפן טוי . . .

איך וויל דאָס פאָלק געפינען
און ווייס ניט וואו, —
דאָס פאָלק איז דאָ אין וואָך
און אין יום-טוב רו.

דאָס פאָלק איז יונגע צווייגן,
דאָס פאָלק איז שטאַרקער בוים;
באַפליגלט איז מיין שווייגן
מיט דעם גאולה-טרוים . . .

דאָס פאָלק דאָ שפּראָצט כסדר
אויף דער ברוינער, אויף דער געלער ערד,
און אין די ווייס-צעהאַקטע שטיינער
וואָס ליגן האַלב-צעשטערט . . .

דאָס פאָלק איז געזאַנג פון טראַקטאָר,
אינעם שווייגן פון חלוץ ביי דער ראָד;
דאָס פאָלק איז
אייביק, לעולם ועד.

(פון דער אָפּטיילונג „ערב גאולה־טעג")

דער פרימאָרגן נאָכן זיג

(„ווידזשיידעי")

"זה היום שקוינו לו, נגילה ונשמחה בו"

עס שלאָפט די שטאָט, עס רוט די וועלט.
זי חלומט אַ חלום אַ גרויסן.
ס'האָט דער קריג זיך אָפּגעשטעלט —
דערציילט די שטילקייט אין דרויסן.

ווי נאָך אַ שלאַכט די זיגער,
רוען די שטיינער אין גאַס.
יעדער הויז — אַ מידער קריגער,
די פענצטער קוקן בלאַס . . .

ס'שווייגט די לופט, איר אָטעם רעדט:
„ס'וועט אַזאַ נאַכט אין דער געשיכטע אריין".
דער קילער ווינט די ברעמען גלעט:
„נאָך אַזאַ נאַכט זאָל מער ניט זיין!"

עס קוקט דער הימל האַלב־פאַרשלאָפן,
ער ווישט די אויגן אוים אַצינד.
ס'איז יעדע כמאַרע — אַ ים מיט האָפן,
די בלויטקייט — אַ ניי־געבוירן קינד.

פאַר יעדן קינד וואָס איז אומגעקומען —
די שטילע פרייד וועט צען געבערן.
פאַר איטלעך לעבן, וואָס טויט האָט צוגענומען,
וועלן נייע לעבנס זיך פאַרמערן.

ס'איז איצט די ערד אַ יונגע מאַמע,
אַ געווינערין, וואָס שעפּט מיט כוח זיך אָן.
צו שרייבן פאַר דער וועלט אַ נייע גאַמע,
פאַרן לעבן — אַ נייעם טאָן.

און דער האָדסאָן ביי מיין פענצטער
פליסט קיל און רואיק ווי כסדר.
ער ווייסט פון שלאַכטן, גרעסטע, קלענסטע,
דעם סוד פון נאָכדעם, און פון איידער . . .

זיינע ברעגן, די געטרייע דינער,
היטן זיינע אוצרות איין.
און די כוואַליעס, זילבערנע שפינער,
שפינען נאָך אַ זיג אַריין . . .

ס׳קומט די זון אַרויס פון ווייט,
קוקט זיך צו מיט שמייכל.
דאָס ניי-געבוירן קינד רופט זי:
„צייט פון שלום און פון שכל״.

פון אַזאַ פרימאָרגן כ׳בין אַן אַלטער עדות,
מיין האַרץ אַ טראָפן איז אין ים.
כ׳הער אַ שטים פון מיינע זיידעס
וועגן דער שלאַכט דער אייביקער פון מיין שטאַם.

וועגן דעם ליכט וואָס זיי האָבן דער וועלט געגעבן,
דורך אַלע דורות ס׳האָט געשיינט.
מענטש הייסט דאָס, און אייביק לעבן,
דאָס איז דער נאָמען אויכעט היינט.

עס שלאָפט די שטאָט, ער רוט די וועלט.
זי חלומט אַ חלום אַ גרויסן.
ס׳האָט דער קריג זיך אָפגעשטעלט —
דערציילט די שטילקייט אין דרויסן.

ערב גאולה־טעג

ערב גאולה־טעג —
איר סמט דאָס בלוט מיט אַ זיסן פּיין —
אַפילו אַ זעמדעלע אין וועג
זינגט מיט אייביק זיין . . .

אַלע גראַמען, אַלע רייד,
גליווערן און ברענען
מיט אַ פרייד,
שטאַרקער פון אַלע ווענ׳ען.

אַלע בראשיתדיקע געזאַנגען,
דורך דורות געשאַפן —
בלייבן אונטער ישעיהס קלאַנגען —
פון „והיה באחרית הימים״-סטראָפן . . .

אַלע חושים, ניכטער — שיכור, —
שלינגען איין די טעג אינאיינעם מיטן שטורעם.
יעדע שעה — אָטעמט מיט עיקר.
יעדע מינוט — קומסטו אָן צום טורעם . . .

ווילסט דעם סאַמע שפּיץ דערגרייכן, ניטאָ קיין צעווישן.
אין לעצטער מידקייט — אַנידערפאַלן דערנעבן —
מיטן מאָרגנשטערן זיך צעקושן,
אויפן גאַנצן לעבן . . .

שטיל

שטיל —
ס׳רעדט דער יום-טוב
אָנגעטאָן אין ווייס-בלויען קלייד.
ס׳זינגט דער טאָג
די אויסדערוויילטע כלה-פרייד!

שטיל —
ס׳קוועלט דאָס בלוט
אין אַלע צעלן פונעם גוף.
ס׳הערט די גאולה
אונדזער אויסגעבענקטן רוף.

שטיל —
ס׳טאַנצט דאָס גליק
אויף גאַסן פון גראַניט.
ס׳רעדט די שטים
פונעם אייביקן ייד.

שטיל —
ס׳קומט דער דור פון טרעבלינקע און לובלין
איינזאַמלען די אוצרות
פון צוויי טויזנט יאָר
אין די בערג פון ציון!

ווי הייסט זי, די וועלט?

ווי הייסט זי, די וועלט, וואָס מיינט אַז זי האָט
אַ חזקה אויף מיר, אויף מיין פאָלק, אויף מיין לאַנד? —
אַז זי קאָן ניט אַפילו איר אייגן געבאָט
מיט ווירדע האַלטן אין האַנט.

וואָס לאָזט זי אַזוינס מיר צו הערן,
די וועלט? — ווי זאָל איך גלויבן איר מויל?
אַז הייסער פון מענטשלעכע טרערן —
איז ביי איר קאַלט־קלעפּיקער אויל...

אָט לאַכט שוין מיין שונא ווידער אַמאָל:
וואָס באַדייט זיין געלעכטער?
צי פרייט זיך אויך — אויפן קול —
אַזוי דער גערעכטער?

ווי זאָל איך פאַרשרייבן אין איין ריי די נעמען
פון „לויטערן שבת", און „פינצטערן פרייטיק"? —
און ניט דאַרפן דערנאָך פאַר די דורות זיך שעמען
מיט מיין נישטיקן קליינלעכן ווייטיק?

איך — אַ גאַסט ביי דער וועלט אויף די שוועלן, —
אַ שנירעלע חלום, אַ טראָפּעלע טוי, —
וועל צוקאָפּנס דעם חושך אַ ליכט אַוועקשטעלן
לזכרון: — „געוועזן איז אַזוי..."

איך האָב געטאַנצט

(ביי דער אנטשטייאונג פון מדינת־ישראל)

ניט דעם בערן־טאַנץ
פון מיינע זיידעס,
צום געקנאַל פון ביטש, —
האָב איך היינט געטאַנצט!
נאָר דעם גרויסן טאַנץ
פון מיין דור,
וואָס האָט דערלעבט
צו זען זיין חלום
ווערן וואָר!

דעם חלום־טאַנץ
האָב איך היינט געטאַנצט!
איך — אַ צווייגעלע
פון אַלע ביימער
פאַרוואָרצלטע אין ערד, —
תמיד גרייט אַראָפּגעהאַקט
צו ווערן
פון דער שווערד . . .

איך — אַ זעמדעלע
צעוואָרפן איבער אַלע וועגן,
האָב צום גרונט
פון ים זיך דערשלאָגן,
איינמאָנען מיין פאַרמעגן!

און ס'האָבן די כוואַליער
מיך אַרומגענומען,
היים געקושט . . .
געווישט דעם קאַלטן שווייס
מיר פונעם שטערן,
געגלעט די וואונדן
פון צוויי טויזנט יאָר,
און געזאָגט:
מיין קינד, — ס'איז וואָר!

אָ, גאָט, גיב מיר כוח
צו געדענקען,
און טראָגן די פרייד
פון גאולה-טאַנץ
העכער אַלע דעכער,
וואו קנוילן רויך
פון פאַרברענטע יידן,
האָבן אין בלויע הימלען
אויסגעבערענט
שוואַרצע לעכער . . .

איך וויל קאָנען זיך צעצאָלן
מיט די דורות
פאַר דער זכיה, וואָס מיר —
אַ פעדעמל אין זיידענעם געשפין, —
מיט בלוט פון קדושים באַפאַרבט, —
איז געווען באַשערט
פירן צום טאַנץ
דעם אני מאמין!

(פון דער אָפּטיילונג „ארץ")

כאָטש נאָר אויף איין שעה

(צו דער באערדיקונג פון ד"ר הערצלס ביינער)

קום אַרויס כאָטש נאָר אויף איין שעה,
ווייז אונדז דיין קלוגן שמייכל,
און מיר — וועלן דיר ווייזן דיין נבואה . . .
רייב די אויגן אויס פון דרימל,
און זע: עס שטייען יידישע גיבורים לעבן דיר
מיט נאַקעטע שווערדן קעגן הימל!
עס ליגן דיר צופוסנס
פרישע רויזן
פון פרייער ערד געריסן . . .
עס שטראָמט צו דיר —
אין בלוט און פלייש
דיין חלום אָנגעטאָן, —
און ער ברענגט דיר
„אויף אַ זילבערנער טאַץ די מדינה"!
ער שטעלט אַוועק זי דיר צוקאָפּנס, אויבנאָן, —
צוגעדעקט מיט בלויען פלאַטער פון דער פאָן . . .

די הרי־יהודה זיינען היינט אַזעלכע שטילע,
זיי וואַרטן אויף דיר מיט טויזנט גרינע חנען.
זיי שלענגלען העכער זייערע קעפּ צום הימל,
און זיי טוען תפילה!
זיי דאַנקען גאָט היינט פאַר דעם טאָג
וואָס זיי איז באַשערט געווען דערלעבן:
דיינע ביינער —
אויסמישן מיט זייערע שטיינער . . .

הייליקער וועט ווערן די שטאָט ירושלים,
און פרוכטבאַרער די ערד . . .
בלויער וועט דער הימל זיין, —
און פאַרמערן וועלן זיך אין אים די שטערן!
ווי אַלטער וויין צום גומען —
וועט אין די דורות אַריינקוועלן דיין נאָמען!

קום אַרויס, דו נביא, נאָר אויף איין שעה,
און זע: אויף דער שמחה — ווער עס איז היינט דאָ!
די פאָן אין אונדזערע הענט איז דאָ!
די שפּראַך אויף אונדזער צונג איז דאָ!
די פרייד אין אונדזער האַרץ איז דאָ!
דער נצחון, — דער גלויבן איז אינגאַנצן דאָ!

גיבורים אונדזערע זיינען דאָ!
נייע — בראַווע — פירער —
„דיפּלאָמאַטן, חברי־הכנסת" — זיינען דאָ!
יידן — אַלערליי יידן זיינען דאָ!
קינדער אונדזערע,
שוואַרצע און בלאָנדע קינדער זיינען דאָ!

קום אַרויס כאָטש נאָר אויף איין שעה, —
און זע ווער עס איז נ י ש ט אָ!
דער פּחד איז ניטאָ!
דער וויי און דער בזיון איז ניטאָ!
דער ש ו נ א איז ניטאָ!

מ י ר זיינען דאָ!
א י ן די בערג און א ו י ף די בערג, —
ביי אונדז אין דער היים זיינען מיר דאָ!
קום אַרויס און זע די יידישע שווערד, —
די— וואָס האָט אויסגעקעמפט די ערד!
קום און קוש די קינדער דיינע אויפן שטערן,
וואָס זיי האָבן דיך, חלילה, ניט פאַרשעמט
אין זייער גורל־טאָג, דעם שווערן...

קום אַרויס און באַפריי די מאַמעס פון די וואונדן,
וואָס זיי האָבן זיך מיט טויזנט שטריק
דאָס האַרץ פאַרבונדן, —
און זייערע קינדער אינעם קאַמף געשיקט!
קום אַרויס און זע די טרערן
וואָס זיינען אין די אויגן געבליבן דערשטיקט...
קום אַרויס כאָטש נאָך אויף איין שעה —
און זע: —
אינעם גרויסן טאָג פון זיין געשיכטע, —
דיין פאָלק איז דאָ!

דער הימל אין ישראל

דער הימל אין ישראל איז אַ בלויער,
פאַרחלומט און פאַרטראַכט.
ווייל ער האָט ניט ליב קיין טרויער,
מאָלט ער זיך אויס אַ בלויע נאַכט.

דער הימל אין ישראל איז צופרידן,
דער הימל איז ניט ברוגז,
ווען עס קומען אָן נייע יידן,
אַ שטילע טרער ער ווישט פון אויג אויס . . .

דער הימל אין ישראל שמייכלט ליכטיק
פון ליידן איז ער טיף געלייטערט.
יעדער ייד איז אים וויכטיק,
איצטער און אויף ווייטער.

דער הימל אין ישראל איז אַ חבר,
ער קאָן דעם שונא און דעם פריינט !
און ווער ס'איז אין קאַמף אַ בראַוווער,
פאַר זיין מזל ער שיינט . . .

דער הימל אין ישראל איז אַ גוטער,
ער האָט ליב די קינדער זיינע אַלע גלייך !
ער דעקט זיי איין מיט ליבשאַפט, ווי אַ מוטער.
און רעדט צו זיי אויף אַ ליכטיקער שפּראַך !

צופוסנס דעם גלבוע

צופוסנס גרינער אים די פעלדער,
פון ווייטנס בליען אים די וועלדער.

פון נאָענט שמעקן אים די צווײַגן,
און אים אַליין צעקאָרבן טויזנט שניטן!

ריטשקעלעך און פּאַסיקלעך — יאָרטויזנטער געשיכטע.
בערג און בערגעלעך געפלאָכטן, שיטערע, געדיכטע.

פאַרשאָלטענע, פאַרטרוקנטע, פאַרלאָזענע,
פון שטורעמס ווילדע — צונויפגעבלאָזענע.

פון האָגל און פון זון פאַרקווילטע,
מיט רעגן דורכגעווייקט, פאַרפוילטע,

ליגן זיי אים שטעמפּלדיק אויפן רוקן
און צום הימל גלאַט אַזוי זיי קוקן...

וויפל יאָרן אַזוי רוען זיי און שלאָפן,
צו פאַרגעסן אויף גאולה שוין צו האָפן?

וויפל יאָרן די גלידער שוין ניט אויפגעוועקט,
ווייל יאָך און מאַך האָט זיי דאָס פנים צוגעדעקט?

ציען זיי פאַרכישופטע די העלדזער צו דעם הימל,
זיי דוכט זיך: עשאַלאָנען קעמלען שפּאַנען אום אין דרימל!

זיי גלייבן ניט די אויגן וואָס זעען איצטער קלאָר:
אַז אַ לאַנגער חלום איז געוואָרן וואָר...

:: :: ::

און דאָ — דורך זיבן טויערן פון גרין,
פון ציון קומען אָן די טעכטער און די זין.

מיט קראַנצן אויף די קעפּ, מיט שפּע אין די הענט,
מיט פרייד אַנטקעגן טאָג וואָס לויטער פאַר זיי בלענדט.

זיי ברענגען פּירות פון די גערטנער, און דער טוי אויף זיי
נאָך גלאַנצט,
זיי טראָגן זאַנגען פון די פעלדער, און די זון אויף זיי נאָך טאַנצט.

זיי ברענגען מילך אין די קרוגן, און די שוים אין זיי נאָך שוימט,
מיט זינגעוודיקע גלידער — פונעם טרוים אין זיי צעטרוימט...

און די מעריב-זון פון ווייטנס אײַלט ניט, נאָר זי וואַרט,
מילד און ווילד — פאַרגייט זי היינט פאַרנאַכט...

מיט אַלע כישוף-קושן, דורך דורות אויסגעבענקטע,
קושט זי אירע קינדער — און די פרייד זי שענקט זיי!

די יונגפרוי אין פעלד

איך זע די יונגפרוי, ווי זי קומט קאַיאַר אין גאָרטן,
און ווערט אַליין אַ גרעזל פון דער בליאונג דאָרטן.

זי מעסט די וועגן אויס, די סטעזשקעס און די שליאַכן,
און פאַרנעמט פון שפּראַצונגען — די וואונדערלעכע שפּראַכן.

זי וויגט זיך לייכט דורך די בייטן און די צווייגן,
און ס׳זינגט די שפע איר אַנטקעגן — אַ געזאַנג פון שווייגן . . .

די בלויע אויגן אין איר ברוין געזיכט,
מיט שטילן פייער לויכטן קעגן שרפּהדיקן ליכט.

און די צעפּ געפלאָכטן — ווי אַ כישוף־קראַנץ אַרום איר קאָפּ
וואָס וויגט זיך קעגן זון — ווי אַ גאָרבן־סנאָפּ.

אַט בייגט זי איר גוף, מיט גאָטס שטילקייט נידער, נידער,
און עס זינגען־מיט — אַלע אירע גלידער . . .

זי צערטלט און זי גלעט יעדעס גרעזעלע ביים פלאַנצן,
מיט ברוינע פינגער, — און רויטע שטראַלן טאַנצן.

ווען איך זע די יונגפרוי פון פעלד צוריק פאַרנאַכט,
ווי זי שפּאַנט אַ שטאָלצע מיט מי און בלי פאַרטראַכט, —

ווי עס אָטעמט פול איר גוף, מיט קילן שטילן רייץ, —
און ס׳שיכורן די ריחות פון קאָרן און פון ווייץ.

ווי זי וויגט איר קאָפּ, און עס זינגט איר בליק,
און מיט שפּעטע זון־שטראַלן גליט איר גליק, —

וועל איך אויף שטענדיק שוין פאַרנעמען ס׳געזאַנג
פון אירע גלידער,
און אויף דורות זי פאַרקריצן אין מיינע יידישע לידער.

פאַניע בערגשטיין

(צום אנדענק פון דער ישראל־דיכטעריז)

ניט דעמאָלט —
ווען ס׳האָבן אירע קלוגע אויגן
מאַמעדיק געגלעט
איבער פנימער פון גוטע פריינט,
וואָס זיינען געקומען,
און ווי בלומען
אַרומגעקראַנצט איר בעט.
געלויכטן האָבן אירע אויגן מיט אַזאַ ליכט,
אַז איר בלייך געזיכט,
און די דינע ווייסע הויט,
(וואָס האָט בפירוש אָנגעזאָגט — עס גייט דער טויט!)
האָבן זיך אין ליכט אין אייגענעם פאַרטרונקען,
און דאָס צימער האָט געשטראַלט מיט שיין;
ס׳איז גוט געווען
מיט דער דיכטערין צו זיין . . .

פאַניע האָט געצוקט
צו זען אַ ניי ליד ערשט געדרוקט . . .
תמיד דאָרט געזוכט
געזאַנג,
אַ נייעם קלאַנג, —
בשעתו
מיט געזאַנג אַליין זיך אָנגעצונדן . . .
און באַלד —
מיטן נעכטן און מיטן מאָרגן
דאָס געזאַנג פאַרבונדן.

אָט־דער מ אָ ר ג ן,
וואָס פאַניע האָט מיט אַזויפיל ליבע
פאַר אים תמיד
אויסגעטראָגן זאָרגן . . .

אַזוי לעבעדיק און קלאָר
האָט ער געבליט אין איר,
זינט זי איז אַ יונגע מיידל נאָך געווען,
מיט צעפּ געדיכטע,
מיט ברען —
און אַ „נייעם בלאַט געשיכטע"
אין קלאָרן דמיון געזען —
איצטער
פּונקט ווי נעכטן, בליצט ער,
דער בלאַט —
וואָס האָט שוין טיפע וואָרצלען געשלאָגן
אין דער ערד פון גבת.

איינגעטונקען אין גרינער בליאונג
איז דער קראַנקן־שטול
אויפן גאַניק,
קעגנאיבער די הרי־אפרים.
מיט טיפן שווייגן
זיינען אַלע האָריזאָנטן פול . . .
די דיכטערין שיקט איר וויטן בליק
אַהין —
וואו ס'קייטלען זיך בערג אין בערג
און ווילן דעם הימל דערלאַנגען.
איר אָטעם
שלינגט דעם הימל מיט די בערג
אַריין, —
און ס'הוילט דאָס האַרץ זיך מיט געזאַנגען.
אַרום שפּרייטן זיך ישובים
מיט ווייסע און גרינע שפּיצן,
און ס'איז איר גוט אַזוי
אין שטול צו זיצן . . .

ניט קיינמאָל איז דאָס לעצטע מאָל געווען,
מ'האָט געזען,
ווי פאַניעס שעפערישער אָטעם
צו סאַמע הויכן

האַלט זיך ערשט אין הויבן:
עס שטראַלט איר גלויבן, —
זי שרייבט און מעקט,
און סדרט לידער, —
עס וועט אַ נייער ספר זיין . . .

איז וואָס —
אַז באַלד וועט וואַקסן
אויף איר קבר גראָז?
דער עיקר —
לעבן קבר שטייען הויכע פּאַלמעס
און זיי שלינגען איין די זון . . .
צופוסנס פונעם באַרג,
ציען זיך איצט וועגן
באַפרייטע, —
געהייליקטע מיט יידיש בלוט . . .
און שטיינער וויים-צעהאַקטע
הערן איין זיך שטיל
צום געזאַנג פון טראַקטאָר . . .

דער עיקר —
פאַניעס חלום,
צעקרישלט אויף טויזנט ווירבלדיקע שטיקער
גייט איצט אויף
מיט אַלע חנען:
אין קינדערשן געלעכטער,
אין קינדערשע געוויינען,
אין מאַמעס אויפשטיין צו דער אַרבעט
אין טיף-בלויען קאַיאָר . . .

דער עיקר —
אויף יעדן שריט און טריט,
אויף ווייסן צוויט,
און אין וואָרצל
זינגט דאָס לעבן
פאַניעס ליד!

אין בית־שאַן אויפֿן יידישן שליאַך

(מיין שוועסטער, חנהן)

דריי יידישע קליינינקע מיידעלעך,
מיט קורצע דינינקע קליידעלעך,
מיט געדיכטע געקרייזלטע קעפּעלעך,
מיט פּנימלעך פולע, ווי עפּעלעך.

דריי יידישע פריילעכע קינדערלעך
שפּאַצירן און דערציילן זיך וואונדערלעך.
געפלאָכטן די הענטלעך אין רינגעלעך,
קלינגען שטיפעריש זייערע צינגעלעך.

זיי זיינען די שארית־הפליטה,
ס'ווייסט ניט איינע ווער איז די צווייטע.
פון וואַנען געקומען? געבוירן אַוואו?
זיי האָבן זיך געטראָפן אָטאָ־דאָ

אין בית־שאַן אויפֿן יידישן שליאַך —
אין סאַמע ווירוואַר פון קאָלירן און שפּראַך.
ערשט נעכטן רואין — היינט וואוינען דאָ יידן צוזאַמען —
„אַלע מענטשן זיינען ברידער, פון איין טאַטן, פון איין מאַמען",

אַזוי האָט פרץ געזונגען אַמאָל,
איצט ענטפערט דער עמק אַ קול:
ברידער מיר זיינען — קאָלירן און ראַסן —
דאָס זיינען נאָך שטעמפּלען פון שונאשע שפּאַסן . . .

די ערד דאָ — פרוכטבאַר און ברוין,
זי וועט באַצאָלן פאַר ליידן — דעם לוין.
אָט זיינען די קינדער, די שוואַרצע און ווייסע,
זיי וועבן אין נאַכט אויפֿן שליאַך זיך אַ מעשה.

פון נעכטן — אַ פּעדימל ציט זיך נאָך גרוי,
און היינט — איז אין עמק דער הימל טיף בלוי . . .
די לופט, ווי אַ מאַמע, זי צערטלט און וואַרעמט, —
די קינדער וואָס פריילעכע גייען געאַרעמט,

און לויפן, און שטיפן, און לאַכן —
אויף אַלערליי יידישע שפּראַכן.
אָט פאַרשווינדן די קינדער אין נאַכט, אין דער ווייט,
מיט צעשראָקענע אויגן קוקן נאָך די חורבות ביים זייט.

און מאָרגן, ווי נאָר עס וועט וועקן דער בלויער קאַיאָר,
וועלן אויפשטיין אַלע — אַ געלייטערטער דור . . .
ניט געפינען די חורבות, ניט דערקאָנען בית־שאַן,
ס'וועט נאָך אַ יידישער ישוב אין עמק שוין זיין!

אין די בערג פון ישראל

איך קום צו אייך, בערג,
פון אוראַלטע וועגן,
מיט אַ טרויער, ווי זשאַווער.
און אַ פרייד —
וואָס ווערט לאַווע
ביי אייערע ברעגן.

איך קום צו אייך
אין דער הויך,
אין דער נידער.
עס טראָגט זיך צו אייך,
דורך מיר —
אַ ציטער, אַ פרעגן, —
אַ פלאַמיקער גרוס
פון ווייט-פאַרוואָרפענע ברידער,
וואָס זאַמלען ליבשאַפט אין הארצן;
דורך דורות
פלאָג און פלאָם
זיי פורעמען איצט זיך אין לידער.

עס ריזלט אין בלוט מיינעם
טויזנט-יאָריקער שטומער געוויין.
איך קום צו אייך שרעקעוודיק,
מוטיק, אַליין . . .
עס בליצט אין מיין אויג
דאָס קלאַפּן פון יידישן הארץ.
דורך מיר —
נעמט אויף דאָס געשוויג, דאָס גערייד
פון אַ פאָלק, וואָס קאָן טראָגן זיין פרייד
דורך צאָרן, דורך רויך,
און זי דערברענגען
צו הימלשער הויך.

דורך מיר נעמט אויף
דאָס שטומען,
וואָס רייסט זיך דורך פאַריגלטע שפּאַלטן
און פּילט אָן די וועלט
מיט אַ ברומען.
דאָס אייביקע וויינען און באַוויינען
דעם חורבן.
דעם שניט און פאַרשניט פון די דורות,
וואָס גייען אויף, ווי זאַנגען,
איטלעכן פרילינג.
נאָכדעם ווי עס קומט דער שניטער
און שניידט מיט אַ סדר —
(ווי אַ געטלעכער ריטער)
ביז מיר ווערן מיט וועלט
אַ בלוטיקער צווילינג . . .

איך קום צו אייך, בערג,
אַ גלימער פון מעסער,
אַ וואונד פונעם שניט,
וואָס פאַרשטומט און פאַרשווינדט
הינטער אייביקע שלעסער . . .
דאָרטן זי ציילט און זי היילט אירע שניטן,
דאָרטן —
אינעם טאָל פון די גרוילן,
אין סאַמע פאַרכישופטן מיטן, —
שיילט אויס זיך אַ בלוי
און אַ בליטן . . .

איך קום צו אייך, בערג,
ניי געבוירן.
פאַרליבט און פאַרבענקט.
דערקוויקט מיך — באַשענקט.
וועקט אויף מיך פון אייביקן טראַכטן.
שליסט אויף מיר די אויגן
צו זען די פּראַכטן,
באַווייזט מיר די וועגן
וואָס ליגן פאַרבאָרגן . . .
טרינקט אויס פון מיין בלוט
דאָס אייביקע פרעגן
אויף מאָרגן, —
גלעט אוים מיט געטלעכן שמייכל
די וואונדן
פון וועלן פאַרשטיין דעם שכל . . .
איך וויל ווערן אַן עדות
פון „והיה באחרית הימים״,
וואָס ס'האָבן בירושה מיר געלאָזן די זיידעס!

אָט בין איך געקומען צוגיין,
אַן אייניקל יונג,
פאַרכישופט און שוואַך,
צו קאָנען פאַרשטיין די שפּראַך.
אויב „והיה״ איז שוין דאָ
אויף דער ערד
וואו איך בין, —
איז נעמט ביי דער האַנט מיך,
מיט קפיצת הדרך
פירט מיך
אַהין —
איך זאָל נישט פאַרזאַמען די שעה!

מיטן־נאָוועמבער אין ישראל

אין מיטן נאָוועמבער איז ווי אַש דער פרימאָרגן,
עס ווערט שוין דער הימל פאַרחלומט מיט זאָרגן.

אין מיטן נאָוועמבער קומט דער ווינט און ער שרעקט,
און קוים וואָס דער זון כוחות שוין קלעקט.

אין מיטן נאָוועמבער איז פייכט יעדער בלאַט,
אַפילו אַז די רעגנס פאַרזאַמען זיך גלאַט . . .

אין מיטן נאָוועמבער איז די ערד גרין און ברוין,
און אַלע חמסינען דרעמלען שוין . . .

אין מיטן נאָוועמבער ווערט מאַט יעדער קאָליר, —
און לויטער דער אָטעם פון האַרבסטיקן שיר!

איך זע דעם חרמון

דאָס אויג איז מיד,
דאָס אויג איז וואַך,
עס זינגט מיין ליד
אַן אַנדער שפּראַך . . .

די זון איז מילד,
די לופט איז שטיל;
מיין בלוט איז ווילד
פון כישוף־שפּיל.

דער שליאַך איז שמאָל,
ווי אַ שלאַנג געדרייט;
דער גרינער טאָל
זיין צויבער שפּרייט.

דער חרמון מיט שניי —
די לופט איז ריין.
און איבער זיי —
אַ בלויער חן.

ער פליסט פון הימל
אויף ברוינער ערד אַראָפּ.
אין וואַכן דרימל
שאָקלט „אָמן" צו מיין קאָפּ.

ליד

פון יענער זייט פענצטער
ברענט די וועלט
און איך בין פון ווייטן.
כ׳האָב זיך פאַרבויט
אין אַ נייעם געצעלט
אויף אייביקע צייטן.

פון יענער זייט טיר
איז אַ וועג פאַראַן,
וואָס פירט צו אַ ראָזעווען נעכטן;
און איך האָב געשוואוירן,
מיט איטלעכן שפּאַן,
דאָ ענגער די קנופּן פאַרפלעכטן.

פון יענער זייט פּאַרקן
רוישט די גאַס —
און איך פון דער זייט
האָב רו אויסגעשפּונען,
אָן חשבון, אָן האַס
די צייט אָפּגעשטעלט —
און לעבן געפונען.

זומערדיק

איך גיי אַרום און זוך מיין רו,
איך זוך מיין רו און הער זיך צו:

אַרום מיר גרין און גראָז די וועלט,
שטילע וועלט אַרום מיר קוועלט.

זוך איך אוים פאַר מיר אַ וועג,
פירט ער צו פאַרבענקטע טעג.

טעג מיט ליכט, אין פריען מאָרגן,
אויסגעטאָן פון יאָך און זאָרגן.

גראָז און ביימער — פרישער צווייט,
קומט דער ווינט און פרייט זיך מיט.

נייגט די קעפּלעך זיי די גרינע,
בייגט די רוקנס זיי די דינע.

און עס שושקען זיך די צווייגן...
וויל איך מיט די ביימער שווייגן.

מיט די גראָזן גיין טאַנצן,
ווערן איינס מיט וואַלד אינגאַנצן.

הויך דער הימל, ווייט און בלוי, —
קוקט אַראָפּ זיך גלאַט אַזוי.

אַלץ איז קלאָר אים, ווי דער טאָג,
ווי דער טאָג וואָס איך פאַרמאָג.

גראָז און בוים — פרישער צווייט,
דעקן איין מיר דאָס געמיט, —

לאָז איך זיך אין רו פאַרוויגן,
מיט אַ שטילן, שטילן ניגון,

און אַנטקעגן מיר די וועלט —
ליגט אַ רואיקע און קוועלט.

אין גליל העליון

שיין איז דאָס לאַנד,
יונג איז דאָס,
צאַרט.

גרין איז דאָס לאַנד,
און ווילד איז דאָס,
האַרט.

:: :: ::

שטיינערנע טרעפּ אין די בערג.
פעלדזיקע שפּראַצונגען.
אוראַלטע ווינקעלעך
אין בויך פון דער ערד.
שמאָלע סכּנותדיקע וועגן,
ברייטע פאַרלאָזענע שטחים
ציען דאָס אויג
אַריבער יאָרטויזנטער ווייט.
און יונגע,
ווי פּעדערן לייכטע,
ישובֿים,
שטייען, ווי בלויער סימבאָל,
פון דער צייט . . .
די קעמלען,
אין לאַנגע שערענגעס,
טראָגן אָפּ שטיינער,
אויף זייערע רוקנס געבויגן,
און אַנטקעגן זיי —
מאַשינען מיט דאַמף
און מיט דראָטן געצויגן.
פון בערג ווערן שטיינער,
און פון שטיינער ווערט זאַמדיק מעל,
און שטויב אין דער לופטן
הויבט זיך הויך,
הויבט זיך געל.

עלעקטרישע דראָטן,
גאַנץ און צעבראָכן,
דרינגען אַריין
צווישן גראָזיקע מאָכן . . .
רייסן אויף פעלדזן,
ברענגען רואינען, —
און איבער דעם שוועבט
אַזאַ געטלעכער זינען . . .
ווייטער און ברייטער
ציען בערג זיך ווי לייטערס,
געהאַקטע, געשניצטע, געטורעמט,
פּאַלאַצן אין מדבר,
וואָס מענטשלעכע מי
האָט געפורעמט.
דאָ, ביי דער זייט,
ציען קרומע און שמאָלינקע וועגן,
ליגן ברייטע באַנייטע שאָסייען,
און ס׳וואַקסן אוים גאַסן,
און ס׳ווערן אַלייען
אין פאַרוואַקסענעם מדבר . . .

און ווייטער אַ בליק, אָדער צוויי,
שלעפּן אייזלען זיך פויל,
און אויף זיי
טויזנט יאָריקער שטויב
און סלינע אין מויל . . .
אויסגעלאָשענער בליק
שפּרייזט פאַרויס —
דערנאָך דער קערפּער,
מיט משא געלאָדן.
זיי גייען,
און ס׳דאַכט זיך,
ס׳איז פרעמד
זיי געוואָרן דער באָדן . . .
פון הינטן
דעם אייזל, דעם שקלאַף,

גייט נאָך
אַ באָרוועסער, קלייניקער גראָף . . .
פויל און פּאַוואָליע ער שפּאַנט,
דרייט לאַנגזאַם
דאָס ריטל אין האַנט.
זיין וועג איז ניט נאָענט,
ניט ווייט —
ס׳האָט קיין שליטה אויף אים ניט
די צייט. —

דו קערסט אָפּ דיין בליק
פונעם טרוקענעם, מידבּרשן ווינט,
און וואַרפסט אים צוריק
צו דעם מדבּר אַצינד.

דו זעסט ווי עס ליגן די פּעלדער און טרינקען די טויען,
צום הימל זיי טראָגן די זריעה די פולע, ווי שוואַנגערע פרויען.

דו הערסט — דורך די אייזערנע געדערים — ווי טראָפּנס פרייד,
גיסט זיך וואַסער אַריין אין דער ערד, אין איר איינגעווייד.

דו פילסט אַ שפּריצן אַ דינער, אַ פייכטער,
בלייבט הענגען אין לופט, ווי אַן אָטעם אַ לייכטער.

דערזעסט דורך ביימער, גערטנער, סאָדן, —
מיט נייע ישובים איז באַוואוינט שוין דער באָדן . . .

עס זויגט זיי און שלינגט זיי דיין בלוט, ווי אַ רפואה צום גומען,
און ס׳קוועלן אַלע צעלן אין דיר — און פאַרשטומען.

דער מוח שטעלט אָפּ זיך אינגאַנצן פון טראַכטן;
דו זעטיקסט דיין האַרץ נאָר מיט מידבּרשע פּראַכטן . . .

כנרת

אַ גאַנצן טאָג פֿון צוויבער דיינעם
האָט דאָס אויג געטרונקען,
ווײַל אַצינד, אין בלוי דײַן ריינעם,
מײַן שטילע ברעם פֿאַרזינקען.

אַ גאַנצן טאָג מיט פֿרייד מיט טיפֿער
האָט דאָס בלוט געקוועלט,
ווײַל דאָס האַרץ — אַ מידער שטיפֿער —
איצט אַנטרינען אין דײַן וועלט.

אַ גאַנצן טאָג מיט גלי און ציטער
האָט דאָס וואָרט גערוט,
ווײַל מײַן אָטעם — ווי אַ ריטער —
טראָגן היים דיך אין מײַן בלוט.

בלײַב אין מיר, כנרת, שאַלן,
ווי די אייביקייט — ניט אַנטרין.
דעם חן פֿון דײַנע וואַסערן לאָז פֿאַלן
אויף מײַן ליד — און מיט טיפֿן סוד — באַזין.

אשרתעלע

אשרתעלע — קליין מיידעלע,
אַ קעפּעלע, אַ פּנימל, קורץ נעזעלע,
און צוויי דאַרע לאַנגע פיסעלעך,
קוקן אַרויס פון איר קורץ קליידעלע.

אַט לויפן זיי פון קעסטל זאַמד,
און לויפן אַוועק צום טייך.
די מאַמע זוכט דעם וועג אַהין,
אשרתעלע לויפט גלייך.

דער וועג איז לאַנג און שמאָל,
ער פירט אַוועק העט-ווייט.
אשרתעלע פאַרשווינדט אין טאָל,
באַהאַלט זיך ביי דער זייט.

די מאַמע רופט זיך הויך,
די מאַמע רופט זי שטיל ;
אשרתעלע — אַ פלאַטערל, —
איז איצטער הוילע שפּיל.

די ביימער זיינען גרינע,
די צווייגן ווייט געשפּרייט —
אשרתעלעס פיסלעך דינע
קלעטערן זיינען גרייט . . .

דער מאַמעס אויג דערזעט ניט,
דער מאַמעס האַרץ דערהערט ;
אשרתעלע פאַרשטייט ניט,
פאַרוואָס קלעטערן איז ניט רעכט.

די זאַמד איז אָנגעברענט,
ס׳איז היינט אַ טאָג חמסין.
אשרתעלע צעבלענדט —
אַ גלימער אין דער זון.

ערגעץ אין אַ נייעם ישוב אין נגב

עס ליגן דאָ בערגלעך מיט שליאַכן געריגגלט,
עס שפּילן זיך קינדער — מיט יידיש געצינגלט.

עס פֿינקלען דאָ פֿלעמלעך פֿון פֿענצטערלעך קליינע,
באַוואַרפֿן מיט שיין די גערטנדלעך שיינע.

עס שווייגן דאָ הייזער מיט סודות צעקוועלטע,
עס ריידן דאָ עדות אָן ווערטער — געשטעלטע.

עס רוקט זיך דער הימל אַראָפּ אויף די נידעריקע דעכער,
עס דוכט זיך: זיי הייבן זיך אויף פֿון דער ערד נאָך העכער . . .

עס קוואַקען די זשאַבעס, און ס׳גרילצן די גרין,
און פֿאַר דיינע אויגן גייט אויף איצט אַ שפּיל

פֿון שלווה אין גרין, און פֿון נס וואָס געוואָרן
איז פֿון פּשוטן אמת — אין גאַנג פֿון די יאָרן . . .

דאָס געוויין פֿון אַ קינד וואָס וויל נאָך ניט שלאָפֿן,
די שטים פֿון דער מאַמען, וואָס מיט „בייזקייט וויל שטראָפֿן" —

די היימישע קלאַנגען, אין טונקעלער שטילקייט,
נעמען אַרום דיך מיט וואַרעמער קילקייט . . .

אין טיף־נאַכטיקער שעה — דו שפּאַנסט צו דעם כביש,
פֿאַרטרונקען מיט ריחות פֿון פֿעלדער פֿריש. —

עס באַגלייטן דיך מענטשן, ווי ברידער געאַרעמט,
מיט פּשוטע רייד דיין האַרץ ווערט דערוואַרעמט.

עס שווימען אַרוים און צעפֿינקלען זיך שטערן,
פֿאַרשיכורט דו ביסט פֿון זען און פֿון הערן.

די בערגלעך — זיי ווערן איצט ווייט מיטן ישוב,
און דו בלייבסט אַ גלימער אין נאַכט מיט איר כישוף.

דאָס לאַנד

אויבן — דער הימל אַ בלויער,
אונטן — דער שומר ביים טויער,
און אין מיטן — ביים ראַנד —
ליגט דאָס לאַנד!

יונג און צעכוואַליעט,
פאַרברוינט און פאַרסמאַליעט,
פון באר־שבע ביז דן,
די יידישע פאָן . . .

אין דער טיף — שטיינער שאַלן,
אין דער הויך — טורעמס שטראַלן,
און אינמיטן די ערד
צעשמעלצט אויף אָקערס די שווערד.

דורשטיק און רייף צו געבערן,
געדולדיק און פריי, אירע קינדער צו נערן,
אין מדבר פאַרפלאַנצן אַ בוים,
אַז ס׳זאָל מדבר ווערן אוים טרוים . . .

ווייט איבער שליאַכן געצעלטן אַ סך,
ווי חופּות אויף שטאַנגען, יעדער שטאַנג אויף דער וואַך!
און אינווייניק, שטיל, אינדערמיט,
קומט אַ דור אויף אַ נייער — אַ דור מיט אַ ליד!

מיט ליבשאַפט צום לעבן,
מיט ליבשאַפט ביז טויט.
אַ ביקס אין דער האַנט,
און דאָס לאַנד ווערט געבויט!

קומט, זעט זיי, די יורשים פון נביאישע זיידעס,
זיי זיינען די שטאָלצע, די היינטיקע עדהס.

קומט, זעט זיי, די דורות, די זין און די טעכטער,
זיי האָבן דעם פּחד געפאַנגען, און מיט געלעכטער
זיי גייען אַנטקעגן געוויטער, אַנטקעגן די קריגער,
זיי זיינען די היטער, זיי זיינען די זיגער!

אויבן — דער הימל אַ בלויער,
אונטן — דער שומר ביים טויער,
און אין מיטן — ביים ראַנד —
ליגט דאָס לאַנד!

(פון דער אָפּטיילונג „מחנה בית־ליד")

פאַר מיין טרייסט־וואָרט אין די רייען

אָ, וויפל לעבנס
אין מיין לעבן
זיך פאַרוועבן . . .
מיט וויפל וואונדן
יעדן טאָג
מיין האַרץ ווערט אָנגעצונדן !
וויפל ווייען —
פאַר מיין טרייסט־וואָרט,
וואַרטן אין די רייען . . .

ליידן, אויפגעדעקטע, הוילע,
ווי ברענענדיקע קוילן,
לויערן אויף מיין פרייד, מיין רו.
הונגעריקע בליקן
מיין מינדסטן וועזן
זיינען גרייט פאַרצוקן !

ניט אויס בייזקייט, חלילה,
ניט אויס טיפער שנאה, —
נאָר ווייל ז י י ע ר לעבן
האָט איצטער קיין זינען . . .

און איך —
וואָס בין געזונט און גאַנץ,
און קום צו זיי אויף אַרבעט
יעדן טאָג, ווי צו אַ טאַנץ, —
מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן . . .
איך —
וואָס דאַרף זיי טויזנט
פּלאָנטערן צעקניפּן, —
איך —
זיין אינעווייניק אַ זאַטע,
ניטאָ קיין צייכן אויף מיין גוף
פון נומערן, פון געלער לאַטע,
ניטאָ קיין פלעקן אויף מיין פּנים
פון ווילדן דורשט, פון שאַנד . . .
איך זיין „אַ גליקלעכע"
ווער ווייסט ווי לאַנג שוין
אינעם לאַנד, —
גענים די שפע און די פרייד,
און זיי וואָס ברענג איך
אויסער גוטע רייד?

אָ, ניין,
זיי ווילן מיך ניט
שטעכן מיט די בליקן, —
זיי ווילן נאָר
איך זאָל, חלילה,
ניט אונטערהאַקן זייערע בריקן . . .

זייער וואָרט

זייער וואָרט — איז מער ווי וואָרט, —
ס'איז דאָס בלוט וואָס זידט און קאָכט.

זייער בליק — איז מער ווי בליק, —
ס'איז צווישן טויט און לעבן — אַ הענגענדיקע בריק.

זייער זוי — איז מער ווי ווי, —
ס'איז צו וועלטס געוויסן אַן אויסגעשריי.

זייער מינע — איז מער ווי מינע, —
ס'איז פון האַרץ די דינסטע סטרונע.

זייער שמייכל — איז מער ווי שמייכל, —
ס'איז צאַרטער גלעט איבערן שכל.

זייער דאַנק — איז מער ווי דאַנק, —
ס'איז דער נר תמיד, וואָס אין מענטשן צאַנקט!

די טריפנדיקע וואָר

פון זייער שפּראַך — דו ווייסט ניט דעם באַדייט,
זייער יעדער קלאַנג — איז דיר מיילן ווייט.

אין זייער בליק — ניטאָ קיין ייִדישער חן.
זייער מינע — ניט מיאוס און ניט שיין.

זייער גאַנג — אי הכנעהדיק, אי שטאַרק,
טויזנט-יאָריקער גלות ליגט זיי אויפן קאַרק.

זייער קול — גבורהדיק און ווילד,
נאָר ווען דאָס אויג צעפינקלט פלוצלינג מילד, —

צעפראַלט דאָס האַרץ, און צום טיפסטן אָרט
דרינגט אַריין אַ קלאַנג, שלאָגט זיך אָן אַ וואָרט.

און ס'ווערט טויזנט-יאָריקע ווייט דיר נאָענט און קלאָר, —
ווייל אַלע גרענעצן רוקט אָפּ די טריפנדיקע וואָר . . .

אין דיין „יאָ" צי „ניין"

דו רעדסט מיט האַרץ, דו רעדסט מיט מוט.
גיסט אַריין אין אַלע צעלן פון דיין וואָרט פריש בלוט.
טראָגסט עס אונטער זיי — ווי אַ מעדיצין, —
נאָר אומזיסט. אין דיין „יאָ" צי „ניין" ליגט פאַר זיי
דער טיפסטער זין . . .

הילפלאָז וועדסטו, און די גאַנצע גבורה אין דיר,
וואָס דאַרף עפענען פאַר זיי די וויטסטע טיר —
בלייבט איצט שווייגן שטום און מיד.
אויף דיינע ליפּן נאָר, עלנט, וואַנדערט אום אַ ניגון פון אַ ליד . . .

זיי ווילן דיך הערן . . .

זיי ווילן דיך הערן,
נאָר ז י י ע ר ע צרות — מאַכן זיי די אויערן צו.
זיי ווילן דיר ניט שטערן,
נאָר ז י י ע ר ע אמתן גיבן ניט קיין רו . . .

זיי ווילן דיר גלויבן,
נאָר ז י י ע ר וואָרט איז געבאָט.
דו ווילסט הערלעך זיי דערהויבן,
און פאַר אַ דאַנק — שלינגסט אַרונטער טיפן שפּאָט . . .

מ׳איז אים שולדיק אין הימל
דעם ליכטיקסטן שטערן . . .

צעקאָרבט איז זיין פּנים,
זיין גוף —
ער איז צו קיין מענטשלעכער צורה
ניט גלייך.
פּרעך איז זיין וואָרט, —
און זיין בליק איז אַ שטיין,
וואָס ער וואַרפט אין אַ טייך . . .

אין מחנה איז ער פויל,
ניט פריילעך, ניט ריין.
ער טראָגט אום זיינע ליידן,
ווי קנופּן אַ קנויל.
ווייל ער —
איז דאָס אייגענער גורל,
באַשערטקייט —
ווייל ער —
וויקלט ער די ליידן אַרום זיך
ווי אַ זיידענעם באַנד,
און וואַרפט, ווי אַ קללה,
די שולד — אויפן לאַנד.

ער איז גרייט צו פאַרראַטן
זיין ברודער — דעם ייד,
ווייל יענער איז אַנדערש. —
ער קערט אָפּ זיך מיט עקל, מיט שפּאָט,
ווייל אויף אים האָט
טויזנט-יאָריקער גלות
דעם חותם געלייגט.
פון מידברשן וואַנדער,
פון שווערן נסיון —
ניט ווערן ככל הגויים . . .

מיט קיין איינציקן שפּאַן
ער גייט ניט אַנטקעגן
ניט זיך —
ניט דעם לאַנד.
ביי אים איז קיין חילוק פאַראַן
פון „דאָרטן" און דאָ;
ער זעט ניט
דאָס ליכט פון דער שעה . . .

ער זעט ניט דעם מענטשן,
וואָס האָט מיט זיין גלויבן
דעראָבערט די ערד —
און ס'איז איצט אים באַשערט
אַלע לאַסטן צו טראָגן פון לאַנד,
און אויסשטרעקן אים
אַ ברודערלעכע האַנט.

מיט שנאה ער נערט זיין געדאַנק:
ער פאַרמאָגט ניט קיין ווילן צו הערן,
ער ווייסט נאָר: זיין לעבן איז קראַנק,
און ס'מוז אים געזונט איצטער ווערן;
מ'איז אים שולדיק אין הימל
דעם ליכטיקסטן שטערן . . .

כידאַנק דיר, גורל

1

כ׳דאַנק דיר, גורל,
וואָס האָסט מיך
באַשאַנקען מיט כוח,
און מיט ווילן,
זייערע ליידן
צו היילן, צו שטילן, —
וואָס האָסט מיך
אין אַ גאַנצקייט געפורעמט, —
איך בין ניט קראַנק, —
און צו די וואָס דאַרפן
קאָן איך קומען
און געבן מיין הילף אַלס געשאַנק.

איך דאַנק דיר, גורל,
וואָס אין מיין לעבן
האָט דער שאָטן
זיך ניט אַריינגעריסן
און אַוועקגערויבט,
ווי ביי זיי,
אַ שטיק פאַרמעגן:
אַ האַנט, אַ פוס,
צי גאָר
דאָס בלוט
אין קאָפּ צעמישט . . .

2

די מי איז שווער, און גרויס,
און נאָך גרעסער איז דער שכר.
ווי גאָט-גלייביקע,
זיי הערן אויס
מיין איטלעך וואָרט,
און שלינגען
עס ווי אַ רפואה,
זיי קומען, און זיי קומען,
און זיי ברענגען מיר צוטראָגן,
ווי פרישע בלומען,
זייערע וואונדן — אַ מתנה.
דערפאַר,
ווייל מיין לעבן,
(וואָס איז טעגלעך אין סכנה)
כ'בין גרייט צושטייער געבן
זיי פאַר די ליידן
פון אַ האַנט וואָס פעלט,
פאַר אַן אויג וואָס בלינד, —
פאַרן ווייטיק
פון אַן אומגעקומען קינד . . .

כ'דאַנק דיר, גורל,
וואָס האָסט מיך
באַשאָנקען מיט כוח
און מיט ווילן,
זייערע ליידן
צו היילן, שטילן . . .

זיי שטאַרק!

זיי שטאַרק, דערשטיק אין זיך די טרערן,
זאָל מען, חלילה, דיין מינדסטן מיטלייד ניט דערהערן.

זיי שטאַרק, קריץ אויס פון האַרץ דיינעם אַ שטיין, —
און ווי אַ לץ — באַווייז אַ שמייכל דורך די ציין...

זיי שטאַרק, טרינק אויס ביז לעצטן טראָפּן זייער צער,
און פאַרשטום! — ווייל דיין קליגסטע עצה — איז איצט לאָגיק
פון אַ נאַר!

שולד־ליד

אָ, וויפל לעבנס ניט געציילטע,
וויפל ווייען ניט פאַרהיילטע
כ׳האָב געלאָזן הינטער זיך
און אַוועקגעגאַנגען גיך...

אָ, וויפל שטימען ניט דערהערטע,
וויפל אומגליקן באַשערטע
כ׳האָב געלאָזן הינטער זיך
און אַוועקגעגאַנגען גיך...

אָ, וויפל טריפנדיקע וואונדן
כ׳האָב געלאָזן ניט פאַרבונדן,
ווייל כ׳האָב רחמנות געהאַט אויף זיך —
און בין אַוועקגעגאַנגען גיך...

(פון דער אָפּטיילונג „אייגענע און פרעמדע")

מיין טאַטע

וואו איז איצט מיין טאַטע, וואו איז איצט זיין חלף,
וואָס האָט יאָרן אין מיין אויג געבלאַנקט?
וואו וואַנדערט אום זיין ברכה,
וואָס האָט ווי אַ נר־תמיד אויף זיין ליפּ געצאַנקט?

ווען ער האָט אַן עוף אין זיינע הענט געהאַלטן,
האָט זיך געדוכט: „עס גייט ניט אוים קיין לעבן" —
האָט זיך געדוכט: דורך דורות האָט גאָט אויסבאַהאַלטן
מיין טאַטנס גאַנג, און אים אַזאַ באַרוף געגעבן...

וואו איז איצט מיין טאַטנס הויז,
וואָס האָט פאַר יידן געבראַכט אַזויפיל פרייד?
וואו איז איצט די גרויסע קלויז,
וואָס ער האָט מיט נשמה שיינער און מיט שטאָלצן גוף
באַקליידט?

ווען פאַרן זילבער־אויסגעפּוצטן עמוד,
אַזוי ווי אַן אָדלער, וואָס פאָכעט מיט די פליגל אין וואָלקןדויך,
האָט זיך געוויגט מיין טאַטע דאָרטן תמיד,
און זיין שטים די גאָלדענע צעגאָסן אין דער הויך.

וואו איז איצט די עדה פרומע יידן,
וואָס פלעגן טרינקען זיין געזאַנג ווי גוטער וויין,
און ענטפערן אים אָמן, און ענטפערן מיט פרידן —
אַ טיפער קוואַל פאַר זיין נשמה־יתירה זיין?

ס'איז דאָס לעבן אין די היימען געוועזן אַזוי גרוי,
זיינען יידן דאַוועגען געקומען.
האָט מיין טאַטע זיי דעם הימל תמיד אָפּגעפאַרבט אויף בלוי,
און זיי האָבן שטיקער הימל מיט זיך אַהיים גענומען...

וואו איז איצט דער פלאַם, און וואו איז איצט דער ברען
פון אַלע יענע יידנס אויגן,
וואָס כ'האָב מיט קינדערישן ציטער צוגעזען,
ווי אויף קידוש נאָכן דאַווענען זיי האָבן זיך צו אונדזער הויז
געצויגן ?

ווען זיי האָבן די תמימותדיקע טלית-זעקלעך
איבערן עירוב אין דער קלויז געלאָזן ליגן,
אַז אַהיימטראָגן זאָלן זיי משהלעך, שלמהלעך מיט בלייכע
בעקעלעך,
פאַר אַ שטיקל לעקאַך, פאַר אַ דאַנק אַ שטילן.

וואו איז איצט די יום-טובדיקע רו און פרייד,
וואָס האָט ארויסגעזונגען פון אַלע שיינע בערד,
ווען זיי האָבן מיט אַ לחיים פאַרשווענקט די גאַנצע לייד,
וואָס האָט געוואַרט פאַר זיי אויף וואָכעדיקער ערד ?

ווען זיי האָבן אין זיך זייער שבת געטראָגן,
האָט מען געזען דורותדיקן שטאַם.
און מיין טאַטנס הארץ האָט מיט זייערע געשלאָגן, —
מיין טאַטע האָט זיי געוואַרעמט מיט זיין פלאַם.

וואו איז איצט זיין חכמה וואָס האָט ווי די תורה,
אין אַלע חושכדיקע טעג,
ברענענדיקע מנורה —
באַלויכטן אים דעם וועג ?

וואו ער האָט געלעבט, און וואו ער האָט געטראַכטן,
דאָרט האָט דאָס לעבן, דאָס יידישע, געבליט.
געוועזן איז זיין גאַנג — די טאַט פון צען געבאָטן,
געוועזן איז זיין הארץ — די קדושה פונעם ייד !

אין דיין צענדליק יאָר

בלויער חלום אויף דער וואָר
אין דיין צענדליק יאָר.

מיינע טריט און מיינע רוימען
אָנגערירט נאָר אין די טרוימען

קלינגען האַסטיק, געשווינד,
אין דיין גאַנג אַצינד.

אַלע קלאַנגען אין דיין קול
פון מיין נאָענטן אַמאָל.

אין דיינע אויגן טעם פון לעבן,
אויף דיין שטערן וואָס דערנעבן,

טיפע חכמה פון דיין זיידן,
לאָזט דיר גרינגן שטיל, באַשיידן.

אַרום דיין מויל, מיט טויזנט חנען,
רינגלען שנירעלעך געוויינען,

און ווי אַ שטראַל מיט זונען ליכט —
לויכט דיין קינדערשער געזיכט.

אָנגעזאַמלטער פאַרמעגן
אויף טאַטע־מאַמעס וואַנדער־וועגן.

אין דיין צענדליק יאָר
טראָגסט אויף פלאַטער־פליגל די העלע וואָר.

העי, דו יינגל

העי, דו יינגל פייער צינגל,
פלעכט אַריין מיך אין דיין רינגל,
גיב מיר אָפּ אַביסל פייער,
וואָס האָסט גענומען פון מיין שייער.
כ'האָב נאָך ווייטע, ווייטע בריקן —
כ'קאָן ניט גיין קיין צוריקן.

העי, דו יינגל — רייפע זאַנג,
אויסגעזוונגענער פאַרלאַנג —
ביסט געווים דאָס שענסטע ליד.
נאָר ווייס,
מיין ליכטיקער און שיינער —
ס'איז נאָך דאָ געזאַנג אין מיינע ביינער.

העי, דו יינגל, לייב און לעבן,
כ'וועל דיר אָפּגעבן מיין פאַרמעגן.
נאָר ניט נעם ביי מיר די יאָרן
און צעמאָל זיי, ווי דעם קאָרן —
צו די פעלדער פול מיט זאַנגען
כ'בין נאָך ניט דערגאַנגען . . .

העי, דו יינגל, פלייש און בלוט,
ס'איז מיר טרויעריק און גוט
זען דיך אַ גרויסן וואַקסן,
תמיד אויסהיטן פון שלאַקסן.
ביי דיין פייער — מיינע פלאַמען
פלאַקערן — און צאַמען . . .

צו אים, דעם חבר

צו אים —
וואָס האָט דערהערט
די סודות פון מיין אומרו,
וואוהין זיי ציען,
און וואָס זיי דאַכטן,
און איז ניט מיד
געוואָרן צו וואַרטן.
מיט טיפן שווייגן
ווי דער טאָל —
אין צוויי אויגן
לויטערער קרישטאָל.

צו אים —
וואָס האָט געוואוסט אויף וועלכע
וועגן מיך צו זוכן,
און האָט ער מיך געפונען,
האָט ער דאָס וואָרט,
דאָס ריכטיקע,
ווי מיט אַ צויבער
פון זיך אַרויסגעשפונען.
און ס׳האָט ווי אַ ווייסע רויז
אין צאַרטע הענט
זיין חברשקייט זיך צעבלענדט.

צו אים —
וואָס האָט ניט געפרעגט
פאַרוואָס, פון וואַנען?
נאָר האָט מיין אמת,
ווי דעם ליכטיקן טאָג,
געזען און פאַרשטאַנען.
מיט טויזנט שלעסער
דאָס אייגענע האַרץ פאַרשלאָסן,
כדי מער און בעסער,
ווי ביטער־זיסן וויין,
טרינקען אייגענע פאַרדראָסן . . .

צו אים —

וואָס האָט ווי אַ כישוף־מאַכער,
מיט אַלערליי קאָלירן,
און מיט נאַקעט
הוילן גלויבן,
אויסגעפורעמט אַ וועלט,
מיט טירן
און מיט שויבן,
ווי אַ ברודער,
ביי דער האַנט גענומען,
ניט געלאָזט דעם וועג אַהין פאַרלירן . . .

צו אים —
וואָס האָט תמיד
מיט יעדן קער און ווענד געטראָגן
אין זיך דעם מענטשן.
און ס׳האָט אָפט אַזוי
גענאָגט אַ טיפער באַנג,
צו קאָנען דאַנקען אים,
צו קאָנען בענטשן . . .
צו אים אַצינד
די טיפע פרייד — דעם דינסטן קלאַנג
פון מיין געזאַנג !

דינה קאַפּשטיין

דיין געמיט —
די פרייִדיקייט אַליין.
אויף דיין הויכן שטערן —
די שכינה פון דיין יחוס.
אין די אויגן
דיין טאַטנס חכמה,
אין דיין לאַכעדיקער שטים
די פרייד
פון אונדזערע ייִדעס יום־טוב,
און אין דיין גאַנג —
די פּשטות פון דער גאַנצער וואָך.

דינה,
ס'איז שווידער,
ס'איז גרויל!
כ'האָב געזען
ווי ס'האָט די ערד
צעעפנט איר קבר־מויל
פאַר דיינע אַכטאונצוואַנציק
לאַכעדיקע יאָר —
דיך אַריינגעשלונגען,
און געזאָגט:
ס'איז וואָר!

און די זון,
אַזוי משונהדיק,
האָט געלויכטן
און געקוועלט,
ווי זי וואָלט געפרייט זיך
וואָס דו —
אַכטאונצוואַנציק יאָריקע דינה —
ווערסט גאָלדענער שטויב
איבער גאָטס וועלט . . .

אַ גאַסט אויף יום־טוב

ס׳איז געווען ערב יום־טוב אויף דער וועלט
אין מיין שטוב —
איז די שכינה נאָך געווען פאַרשטעלט.
כ׳האָב געגרייט
חלה, ווײַן און פיש, —
אַ ווייסן טישטעך
אויסגעשפרייט איבערן טיש,
און ליכט געשטעלט צום בענטשן.
דערנאָך די טיר געעפנט
פאַר אַ גאַסט אויף יום־טוב, —
פאַר אַ פרעמדן מענטשן!

איז אַריינגעקומען דער גאַסט,
און מיט אים צוזאַמען
האָבן געטאָן אַ בלענד
פון יום־טוב, די קדושה־פלאַמען . . .
דער ווייסער טישטעך
און דער רויטער כריין,
האָבן געשפיגלט זיך אין שיין
פון די זילבערנע לייכטער, —
וואָס האָבן אַריינגעגלאַנצט אין ווײַן . . .
ס׳האָט די שטוב צעשמייכלט זיך מיט חן.
פון גאַסט — דער מידער קאָפּ,
האָט זינגעווודיק גערוט . . .
און די ליפּן — ווי זיי וואָלטן געזאָגט:
„אין יידישער פרעמד״ איז מיר גוט!

רייד זיינען געפאַלן איינציקע, שטילע,
אַ לויטער פליסטערן, ווי אַ תפילה,
האָט איינגעהילט ביים טיש די מסיבה.
איעדנס שטים געקלונגען האָט מיט ליבע
און מיט לויב צו דער השגחה, —
וואָס האָט אויף דעם יום־טוב
פאַרגרעסערט די משפּחה!

שפּעטער — האָבן שוין אַלע שעהן
וואָס זיינען געקומען
נאָך ביים עסן,
זיך פאַר די הענט גענומען,
אַריינגעוועבט זיך
אין טעג, און אין מעת־לעתן,
און ס'האָט די שכינה
שוין אַרומגעשוועבט אין הויז, —
גלייך מיין טאַטע וואָלט אַצינד, ווי גאָר אַמאָל,
מיט לייכטן טראָט זיינעם, און זיכערן קול,
דעם „גוט־יום־טוב" אַריינגעבראַכט פון קלויז . . .
און ס'האָט זיך געדוכט אויף וואָר:
ס'גייט דער טאַטע צווישן אונדז אַרום
מיט זיין שוואַרצן קאָפּ געדיכטע האָר,
מיט דער לאַנגער זיידענער קאַפּאָטע, און פרום
אין גאַרטל ער האַלט פאַרשטעקט די הענט, —
שווייגט חסידיש, און שמייכלט צו די ווענט . . .

שוין אַזוי לאַנג, כ'געדענקט גאָרניט ווען,
כ'האָב מיין טאַטן אַזוי לעבעדיק געזען.
איז עס היינט געווען באַשערט
אַזאַ מין שכר, אַזאַ געשאַנק —
נאָר גאָט אַליין האָט דאָס פאַרקלערט:
אַ „פרעמדער" וואָס איז ווי אַ ברודער אייגן געוואָרן,
און מיין טאַטנס וואַרעמער אָטעם, וואָס האָט געפראָרן
מיט די יאָרן . . .

אַוועק זיינען די טעג, און די מעת־לעתן,
ווען מיר זיינען מיטן גאַסט געזעסן, —
געטרונקען צער און פרייד
פון זיינע שטילע רייד.
גרענעצן און יאָרן
האָבן זיך אַוועקגערוקט, ווייט געוואָרן, —
געבליבן נאָענט איז אויף שטענדיק
דער מענטש, וואָס האָט אַזוי בלענדיק
אַריינגעטראָגן זיין צאַפּלדיק געמיט, —
און געבליבן רוען אין שורות פון אַ ליד!

מיין ליד צו רחל קאָרן

כ'האָב קיינמאָל ניט געדריקט דיין האַנט,
כ'האָב נאָר מיט דיר
אין דיכטער־לאַנד אַרומגעשפּאַנט.
תמיד האָט געשמעקט צו מיר
פון ווייטן —
ווי דער ריח פון פריש־געבאַקן ברויט —
דיין קאָרענע דערציילונג,
און דיין ווייצן־ליד.
פון ביידע —
פון היינט און פון פאַרצייטן —
האָט אַרויסגעשטראַלט
דער ייִד!

און איצט —
האָב איך אין דיינע אויגן —
צוויי תהומען —
נאָך ניט אַריינגעקוקט.
נאָר כ'ווייס, דיין לעבן,
נסימדיק געראַטעוועט,
איז אַ וועקסל —
בלוטיק פאַרפּעטשאַטעוועט, —
אַן עדות:
אַזוי איז געווען,
און אַזוי איז דאָס!

דערציילן קענסטו,
ניט פון געטאָס דווקא, —
וואו דאָס אייגענע וועזן
איז געוואָרן אַ פּיאַווקע
און האָט ווילד און מיד
געזויגן סם
פון יעדן גליד . . .

ניט פון גאַז־אויוונס נאָר
וואָס האָבן געצונדן און צעברענט
גאָטס קאַיאָר
מיט וויי
פון אַ לעצטן יידנס אויסגעשריי . . .
נאָר דעם וואַנדער

און דעם וואונדער
פון דיין יידיש ליד,
וואָס איז אַביסעלע צעבלוטיקט —
נאָר נישט מיד . . .

שפּאַנסטו אַצינד —
ווי דיינע „איינאונדרייסיק קעמלען”, --
אַ יידיש קינד,
„געשמיסן אין די זייטן
מיט הונדערט גליענדיקע בייטשן,
מיט דעם חותם פון פאַרניכטונג”, --
נאָר —
אַ ווייזער און אַ פירער
איז דיין דיכטונג . . .

און איך —
אַ טאָכטער דיינע,
צי אַ יונגע שוועסטער,
בין באַשטראַלט אַצינדערט
מיט דער פרייד דער גרעסטער,
וואָס כ׳קאָן אויף דיין לעבן
אַ שהחיינו מאַכן . . .
און זאָל זיין געבענטשט
דאָס ווינקל וועלט,
וואָס וועט אויפשטעלן פאַר דיר
אַ ניי געצעלט.
און ס׳וועט זיין אַ געלעגער דאָרטן,
אַ טיש —
און אַ ווייסער טישטעך . . .
און ס׳וועט נאָך שבת זיין,
און ליכט וועלן ברענען, —
(נאָר פון די שאָטנס צו דערקענען
אַלטע און נייע פלאַמען . . .)
און מיט שבת-יום-טוב שכינה —
פון דער פרומער מאַמען,
וועסטו דאָס לעבן אין דער אייביקייט
ווייטער שפּינען!

צוויי לידער

(מיין יידישער שטאָט, וויניפּעג, געשענקט)

1

אַ לויב

אַ לויב צו דיר, אַ שטאָט!
מיין שטאָט פון יונגע טעג.
וואָס ניט אויסגעמיטן האָט מיין טראָט,
צו טרעפן ווידער, ווידער דיך אין וועג.
אַ לויב צו דער השגחה — דיינע וועכטער, —
וואָס האָבן אָפּגעהיט דיך ווי דו ביסט
ס'זאָל די מי פון דיינע זין און טעכטער
ניט זיין אומזיסט.
באַזונדער און צוזאַמען, —
יידיש לעבן האָבן מיר פאַרזייט.
איז די זריעה אויפגעגאַנגען,
און האָט זיך צעבליט.
און מיך — דער גורל האָט געפאַנגען
צו זינגען אַ יידיש ליד . . .

איך בין צו אייך געקומען,
מיט דעם דאָזיקן פאַרמעגן.
און איר האָט פרייד, אַזוי ווי בלומען,
געשפּרייט אויף אַלע וועגן.
מיין יעדער קלאַנג פאַרנומען,
איטלעך וואָרט אַריינגעזויגן.
שיכור מיר געמאַכט דעם גומען —
מיטן ליכט פון אייערע אויגן.
גרינג געמאַכט דעם יאָך פון לעבן, —
מיט אייער שטראַלנדיק געזיכט.
אַז כ'ווייס ניט ווער ס'האָט וועמען געגעבן

מער פרייד, און מער ליכט.
כ׳ווייס ניט און איך וויל ניט וויסן,
ניכטערקייט — איז ניט מיין גאַנג.
ווייל איז די וואָס קאָנען פאַרזיסן
טעגלעך ברויט, מיט געזאַנג.
ווייל איז די, וואָס גייען אַנטקעגן
דעם דיכטער, ווען ער וואַנדערט מיד.
שפּרייטן יום-טוב אויף די וועגן, —
און ווערן איינס מיט זיין ליד!

2

אויפן וועג צוריק

עס ציט זיך ווייט און ברייט דער שטח,
אויפן וועג צוריק.
מיר דוכט, אַז איך קלעטער, —
און איך פאַל פון גליק.
עס יאָגט די באַן און שלינגט דעם וועג,
כ׳בין אַן עדות דערויף.
עס קומען אָן אין ריי די טעג —
נעמען אַלע זיך צונויף.
פלעכטן אויס פון זיך אַ קראַנץ,
און טוען אָן זיך אויף מיין שטערן.
כ׳לאָזט אַוועק מיט זיי זיך אין כישוף-טאַנץ —
פון זיין — און פון ניט ווערן . . .
רינגלען זיי מיך ווידער אום,
מיט שמייכל און מיט טרויער.
בלייב איך זיצן שטיל און שטום,
אין לויטערן געדויער . . .

גלויבן איז מיין פאַרמעגן

גלויבן — איז מיין פאַרמעגן.
ווי דעם ריינסטן גאָלד
כ׳האָב אים געגראָבן —
אויף אַלע וואַנדערוועגן
ווי דאָס אויג אין קאָפּ
איך היט אים תמיד אָפּ.

גלויבן איז מיין פאַרמעגן,
כ׳באַהאַלט אים אוים פון דער וועלט —
אין מיין אָרעם געצעלט.
און אַנטקעגן
שטייען טורעמס הויכע
פון זון באַגילדט —
זייערע קרוינען,
פינקלען זיי
און גלאַנצן . . .
דעמאָלט גראָב איך טיפער
און פאַרפלאַנץ
מיין פאַרמעגן
אין די ווינקלען
פון מיין געצעלט.
באַשיצט
פון האָגל און פון בליצן
ער שטייט אַזוי
און שמייכלט צו דער וועלט.

קומען פייגל
און זיי זינגען אויפן דאַך ;
קומען מענטשן
און זיי בענטשן
מיט אַ שטילער שפּראַך.
אַמאָל
קומען אָדלערס
מיט פליגל־פלאַטער
און זיי ברענגען גרוסן
פון די הויכן,
און זיי קרייזן
אַרום דיין שטילן דרימל,
און זיי וועקן אויף אַזאַ מין באַנג —
אַז ביזן וויטן הימל
באַגלייט זיי דיין געזאַנג.

עס טרעפט אַמאָל —
עס קומען ווינטן, רעגנס, שנייען,
ברענגען נאָר וויען,
צינדן אָן אַ פייער —
און מיט כוח מיט גרעסטן
זיי גאַרטן אָן די לענדן,
מיט דער זון זיך צו פאַרמעסטן.
זיי נעמען פאַר אַ שוץ
דעם טייוול און דעם אָפּגאָט;
און פאַר דיינע שענסטע אוצרות
טראָגן זיי נאָר שפּאָט.

און דו — דו ווערסט
אַ זעמדעלע אין וואָגל
קעגן שווערן שטורעם,
וואָס שלאָגט דיך
מיט זיין האָגל,
נאָר דו פעכסט זיך ניט —
(און בלייבסט ניט מיד)
דו הייבסט אויף די טריט
איבער אַלע ווייטע דערנער,
קלייבסט צונויף די קערנער
און טראָגסט אַוועק דיין ליד
אין דעם וויטסטן שייער —
ביי דעם שלאָס בלייבט שטיין דיין האַרץ,
אַ שומר אַ געטרייער . . .
דעמאָלט ווערט גרינג
און לויטער צוריק די נאַכט.
עס בלייבן אַלע „געטער"
פון זיך אַליין גענאַרט.
און פון אַלע עקן וועלט
ציען געסט צו דיין געצעלט,
קומען גריסן,
קומען לויבן,
קומען דאַנקען
פאַרן גלויבן.

גלויבן — איז מיין פאַרמעגן.
ווי דעם ריינסטן גאָלד
כ'האָב אים געגראָבן —
אויף אַלע וואַנדער־וועגן
ווי דאָס אויג אין קאָפּ
איך היט אים תמיד אָפּ.

געוויין פון צניעות׳דיקע טעכטער

שווער איז מיר צו טראָגן דעם יאָך פון יענע טעכטער,
וואָס וואַקסן ווי קראָפּיווע אין גערטנער, —
און פאַרמאָגן, ווי אַנדערע גראָז, אַ גרינעם דעק, —
נאָר פון אונטער פאַרב
אַן אויסגעשריי אַזאַ:
אַוועק!
ווייל שטעכעדיק איז מיין באַריר.
אַוועק!
ווייל צניעותדיקייט איז איינגעפלאַנצט אין מיר . . .
אָ, איבעררייסן וויל איך אַלע צאַמען
מיט די שטאַמען
פון צניעותדיקע טעכטער פון פאַרצייטן,
וואָס וויגן איין מיט תחינות: „ווי ביי לייטן״.
פרעמד איז מיר אַזאַ וועלט —
מיין לעבן איז ניט דאָס לעבן פון אַמאָל,
יאָרן —
האָבן אויסגעגראָבן אַ טאָל . . .
ניט קיין קראָפּיווע —
נאָר בלומען מיט זוניקן קאָליר
דורשטן אין מיין גאָרטן נאָך רעגן, —
וואַרטן אויפן גערטנערס באַריר . . .

די עלנטקייט

די עלנטקייט שטייט ביים ראַנד פון דער וועלט
ווי איבער אַן אבל געבויגן.
די עלנטקייט זעט ווי דאָס לעבן קוועלט, —
און קוקט מיט ליידיקע אויגן.

די עלנטקייט זיצט אויף יעדן אָרט:
אין גאָרטן, אין קעלער, אין זאַל.
די עלנטקייט רעדט ניט קיין הויך וואָרט,
נאָר איז דאָ איבעראַל . . .

די פרוי מיטן הונט

די פרוי מיטן הונט איז פון מיטעלע יאָר:
די פרוי האָט דעם הונט און פריינט נאָך אַ פּאָר.

די פרוי מיטן הונט קוקט דורך אַ שפּיגל,
זעט זי ניט קיינעם חוץ אירע אייגענע פלגיל.

זי פליט איבער מענטשן אַרויף אין דער הויך,
דער וועג איז געפלאַסטערט מיט ווינט און מיט רויך.

ווען זי קומט אויף דער ערד אַראָפּ פונעם הימל —
דערזעט זי די וועלט באַדעקט מיט אַ שימל.

זי גייט ביי דער זייט און היט זיך מסוכן —
דער וועלט אין פּנים גלייך ניט צו קוקן.

די פרוי מיטן הונט — איז אַן איידעלע דאַמע,
אַלץ וואָס זי ווייסט האָט זי געבראַכט פון דער מאַמען.

די פרוי מיטן הונט זוכט אַן אַנדער וועלט,
פאַרבלענדט איז דאָס ליכט אין אייגן געצעלט.

פירט זי דעם הונט, דאָס קינד ביי דער זייט,
און חלומט פון גליק אין דער פרעמדער ווייט.

און דאָ, אינדערהיים, וואו עס וואוינט די פרוי,
איז העפלעך, און לעבלעך, און גרוי. —

איז ענג אינעם רוים פון די געראַמע חדרים,
ווייל איינזאַם דאָס וואָרט איז — און אָרעם!

ליידיק די שטוב, כאָטש דער מענטש דאָרטן לעבט,
ווייל דער שאָטן פון הונט איבער אַלצדינג שוועבט!

דער טאָג איז צעשפּאָלטן אויף ליידיקע שעהן —
ווען עס שטיפט דער הונט, און ווען ער מוז רוען.

און אַלצדינג אַ חוץ וואָס אינעם טאָג עס געשעט,
איז ווי אַ בייזאַך, וואָס קוים מ׳דערזעט. —

אַלצדינג אַרום, וואָס ברויזט און וואָס רוישט,
ווערט אויף הינטישער פרייד אויסגעטוישט.

און „איידל" איז זי תמיד, די גנעדיקע פרוי,
כאָטש נעם און קנעט אוים אויך ד י י ן לעבן אַזוי.

כאָטש נעם און פאַרמשפּט אויך זיך אויף געלעכטער —
אָ, שטראָף מיך ניט, גאָט, פאַר די דאָזיקע ווערטער!

(פון דער אָפּטיילונג „ליבשאַפֿט")

■ ■ ■

האָסט קיין בריוו מיר ניט געשריבן,
און קיין אָנדענק ניט געלאָזן,
האָב איך דיינע ווערטער אויפֿגעקליבן, —
און ווי אין אַ וואַזע — גראָזן —

בליען זיי, און אויב זון און רעגן
קאָן ניט נערן זייער שטאָם,
היט איך דעם פֿאַרמעגן
מיט מיין פלאָם.

וואו ?

וואו שפּרייטן זיך די אָוונטן,
וואָס בענקען
אין דער נאַכט,
אַז דו
און איך
האָבן ניט געוואַכט ?

וואו קומט אַהין די שטילקייט,
דער ווייסער צויבער
אויף די וועגן —
אַז דו
און איך
קומען ניט אַנטקעגן ?

וואו גייען אויס די שעהן
אין רויטע
שקיעה־פֿלאַמען —
אַז דו
און איך
זיינען ניט צוזאַמען ?

ס׳קאָן זיין . . .

ס׳קאָן זיין —
כ׳האָב דיך אין יענער נאַכט
ניט געזען, נאָר אויסגעטראַכט.
ס׳קאָן זיין —
כ׳האָב געזאָגט: „ביסט פאַראַן!"
נאָך ווען
ס׳האָט געוויגט דער ווינט דעם עראָפּלאַן . . .

ס׳קאָן זיין —
ס׳האָט פון ווייטן דיך אַהערגערופן
אַ דינער קלאַנג פון סטראָפן,
אַ שטילע, ניט־דערזאָגטע שורה . . .

ס׳קאָן זיין — ס׳איז אַזוי געווען,
און אפשר גאָר
האָב איך אין רעיון אַלץ געזען.
אויף זיכער וויים איך נאָר:
ס׳האָט אַ זונג געטאָן
און ס׳האָט צעוויינט,
(מסתמא אין אַ בלויען קאַיאָר)
דאָס געמיט —
און ס׳האָט געמיינט:
אַ ווייטער דיכטער
נאָענט קאָן ווערן, ווי זיין ליד . . .

אויף וואָר
כ׳קאָן שווערן,
כ׳האָב געהערט דיין שטים אין מיינע אויערן:
„גיי ווייס —
אין פרעמדער שטאָט גאָר,
צווישן מויערן,
אויף הארטן באָדן פון גראַניט —
איז אַ שטילער בוים
פאַראַנען אינדערמיט!"

דער בוים איז דאָ,
און וועט דאָרט שטענדיק זיין!
פאַרגעדענקען וועט ער מן הסתם
און וועט פאַרשרייבן: „שיין
און אייביק איז אַ נאַכט" —
און אַז מ׳וויל,
איז קיינער דאָרט ניט אויסגעטראַכט...
און פונקט ווי פון בוים דאָס אָרט,
אַזוי וועט בלייבן
דער אמת פונעם וואָרט,
די גאַנצע פרייד, און פיין, —
נאָר, אַ, די פיין, —
אַ שאָד, וואָס זי וועט אויכעט זיין...

איך רייס דיך

איך רייס דיך מיטן וואָרצל,
איך רייס דיך מיטן ביין!
איך רייס מיט קראַפט
פון דיר —
אויף זיך אַליין.
איעדער ריס —
מיט בלוט פאַרלאָפּן איז...
לעק איך אוים דאָס בלוט
מיט אייגענער צונג,
און כ׳אָטעם איין
צוריק דיך
מיט איעדן שלונג...
נעם איך רייסן די צונג
מיט מיינע פינגער צען, —
כ׳וויל אַ בלוטיקן דיך
אין די הענט שוין זען!
ליגט מיין צונג פאַרפייניקט,
אָנגעצונדן רויט, —
און איך מיט דיר — פאַראייניקט
אין לעבן און אין טויט!

בלוטיקער צווילינג

אונטער דיין אָטעם איך צעגיי.
ווי דער שניי אין פרילינג.
דו ביסט די וואונד — איך דער וויי;
ביידע — אַ בלוטיקער צווילינג!

אין שפּיגל

און אַז כ׳קוק אין שפּיגל מיט די אויגן,
וועמען זע איך דאָרטן? — דיך.
נאָר ווייל דאָס גלאָז איז מיט זילבער פאַרצויגן,
דערקאָן איך דאָרטן אויכעט זיך...

אין אַלע בערג

אין אַלע בערג זע איך דיין געשטאַלט.
אַלע ימים רוישן מיט דיין גערויש.
און ווען דער טאָג אַ מידער צו דער נאַכט פאַלט —
פאַל איך מיט אים מיט — און רו אין דיין שוים...

ביידן

ווער עס טראָגט די קרוין פון וואָרט,
און ווער — דאָס גאָלד פון זיין געשפּאָט.
ביידן איז מסתם באַשערט
צו זיין גערעכט...

טייכן

טייכן שטילע גלאַנצן.
זינגען אויף דער פלאַך.
מיט טויזנטער ניואַנסן
שווייגט אין זיי די שפּראַך...

די באַלאַדע פון קאַרגן וואָרט

ער — מעסט די ווערטער מיט אַ ווירע,
און ער לייגט זיי אויף דער וואָג,
זיי זאָלן פאַרהיטן אים, ווי אַ שמירה,
פון אַן איבעריקן זאָג.

זי — זויגט אַרויס אַ פינגערהוט גליק
פון זיינע קאַרגע רייד;
בויט אין דמיון אויס אַ בריק,
אויף שטאַנגען פלאַטער-פרייד.

ער — הערט ניט
פון זיינע קאַרגע רייד די קלאַנגען,
וואָס גאָרן נאָך שניט,
מיט טויזנטער פאַרלאַנגען . . .

זי — דער שניטער און דער זייער,
בענטשט די זריעה שטילערהייט.
דעקט זיך איין מיט בלויען שלייער —
און ווישט די נאַסע טראָפּנס פרייד.

ער — אַנדערע ווערטער אויפן צונג,
פאַרמאַגט זיי ווען ער דאַרף;
זיי קומען שפּילעוודיק און יונג,
זיי קומען מעסערדיק און שאַרף!

זי — נעמט דאָס מעסער מיטן שאַרף,
און שטרעקט איר לייב דערצו נאָך אויס;
יעדער שניט, ווי אַ האַרף,
גיט אַ צויבער-קלאַנג אַרויס . . .

צוויי וואַזעס

איינע אַ קליינע, אַ דינע, אַ גרינע,
אין איר — דריי ווייסע גאַרדינעז.

די צווייטע אַ גרויסע, אַ פולע, אַ געלע,
און אין איר — די בלומען זיי פעלן.

אין דער ערשטער — דריי בלומען, ווי שטאַנגען,
די צווייטע שטייט ליידיק, און שווייגט מיט פאַרלאַנגען . . .

אין דער ערשטער — די בלומען זיי לעבן — אַן לעבן,
ווייל ס'האָט זיי ניט דער וואָס געדאַרפט מיר געגעבן.

אין דער צווייטער די בלומען זיי פעלן, נאָר מיניען,
און קוועלן דאָס הארץ מיט אַ ריח פון גאַרדינען.

אין דער ערשטער די בלומען זיך טוליען עלנטע, שטילע, —
פון דער צווייטער גייט אויף אַזאַ צערטלעכע תפילה.

זי שוועבט אום אין שטוב, אויף די ווענט, אויפן דיל —
און זי נעמט אויך דאָס הארץ מיינס אריין אינעם שפיל . . .

און עס גרויסט זיך די וואַזע די צווייטע, די געלע,
זי פילט שוין ניט מער, ווי די בלומען איר פעלן.

זי שטראַלט שוין אַצינד מיט פרישע קאָלירן,
און זי פילט שוין דעם גלעט פון פינגער באַרירן.

שטייען צוויי וואַזעס — שוין פולע מיט בלומען,
און דער וואָס געדאַרפט איז אויכעט געקומען . . .

נייע לידער

ווען גאָט רוט

ווען גאָט רוט —
איז אויף דער ערד מיר גוט.
איך קאָן אַ געטין ווערן, —
אין דער געטלעכער מינוט
זיין אָטעם הערן.

ווען גאָט רוט —
נידערן אַלע אמתן אויף דער ערד.
אַזוי ווי ברידער,
זיי נעמען זיך אַרום,
טוען אוים זיך פון די לידער
און בלייבן נאַקעט ווי אַ שווערד . . .

ווען גאָט רוט —
קאָן איך הערן
ווי עס פליסט דער ים
מיט מענטשלעכע טרערן.
אַלע כוואַליעס, אַלע שוימען,
ווילן גלייכע ווערן . . .

ווען גאָט רוט —
בין איך וואַך
ווי אַ בלום אין מאַי.
פון אַלע באַהעלטענישן
קומט דער צויבער פון דער שפּראַך —
און די שטילקייט זינגט אוים :
כדאַי !

ווען גאָט רוט —
קאָן איך ריידן
שטיל און טיף ווי די נאַכט.
מיין וואָרט ווערט פּערל, —
און מיין בליק —
אַ זון וואָס לאַכט.

ווען גאָט שטייט אויף —
בין איך מיד.
כ'וויקל איין מיין ליד,
פאַרשטעל עס פון דער שיין —
און איך דרימל איין . . .

צפת

אויף דיינע קרומע שמאָלע גאַסן
גייען יידן אום מיט שיר השירים גאַנג.
חורבות שווייגן, חורבות בלאַסן, —
מיט דורות געיאָמער, מיט דורות געזאַנג . . .

אויף דיינע נידעריקע דעכער
ליגט אַ גאָלדענער דער שימל
און פון ענגשאַפט, פון די לעכער,
טראָגט זיך שירה צו דעם הימל.

דיינע טויערן מיט אַלטע שלעסער
היטן סודות אין די אינגעווייזדן,
און ווייסע פריזבעס, גרויסע, גרעסער, —
מיט טויזנט חנען ריידן . . .

דיינע הויפנס פריש געצוואָגן, —
טירן פירן אַרויס, אַריין.
די שעה פון אייביקייט האָט דאָ געשלאָגן
און זי קוועלט ווי גוטער וויין.

דורות אַלטע, דורות יונגע
קומען־אויף אויף זעלבער ערד.
זיי זינגען שירה פון קבלה, —
זיי דערציילן נסים פון אַ שווערד . . .

פון וווייטנס — ציען וועגן ברייטע,
עס כישופט באַרג, עס כישופט טאָל.
ערגעץ וואַרטן שונאים גרייטע
מיט אַ שפּיז פון שאַרפן שטאָל!

נאָר מ׳הערט נישט, מ׳זעט נישט,
ס׳שלאָפט אין דרימל — וואָך די שטאָט.
פון יעדן שטיין גייט אויף אַ שפּראָצונג —
און אַ לויב צו גאָט.

דער ערבֿ־שבת, ווי אַ תפילה,
זינגט אַריין אין יעדער וואָך.
אין דיינע שטיבעלעך נידעריקע, שטילע,
וויקלט זיך אין אַטלאַס־זייד דער יאָך!

דאָ לויכט דער הימל תמיד, שטענדיק,
אַפילו ווען ער שווייגט מיט נאַכט.
קילע לופט דעם אָטעם בלענדיקט,
זויבערט, צויבערט אים מיט פּראַכט.

עס וויל דאָס בלוט אַ לויב אויסזינגען
דער השגחה — וואָס זי פּאַרהיט,
נעמען אַלע חושים דיך באַצווינגען:
זינג אָן ווערטער דאָ אַ ליד.

צפת

צפת — ליגסט ווי אַ קאַמעצל צווישן חורבות און מויערן.
מיט אַלטע שלעסער זיינען פאַריגלט דיינע טויערן.

צפת — דיינע וועגן שמאַל־געדרייטע ווי שלאַנגען,
רוען ביינאַכט מיט טויזנטער געזאַנגען . . .

צפת — דיין יעדער גאַס איז ענג, טומלדיק און קליין,
און אינעם ענגן טומל לויכט ייִדישער חן.

צפת — וואו דורך אַ קוימען איז אַ דאַך — פון דאַך באַזונדער,
אין יעדער קרומער וואַנט ליגט איינגעקאַרבט אַ וואונדער . . .

צפת — דיינע אַדלער־בערג, געוועבט אין גרין —
פילן אַן די ווילדערניש מיט לעבעדיקן זין.

צפת — געשיכטע שפּאַנט אַרום אויף דיין יעדן שריט און טריט —
דער דיכטער ווערט אַליין דאָרט אַ שורה פון אַ ליד . . .

אַ נאַכט אין די בערג פון ירושלים

כ׳וויל דערציילן פון אַ נאַכט,
וואָס גאָט אַליין האָט זי פאַרקלערט.

כ׳וויל דערציילן פון אַ נאַכט,
וואָס אין אַ לעבן נאָר איינמאָל איז באַשערט.

ס׳האָט די לופט געאָטעמט שטיל,
איינגעזאַפּט דעם כישוף-שפּיל.

באַרג מיט באַרג האָבן פינקלדיקע זיך איבערגעקוקט, —
דער שוואַרצער הימל האָט העכער זיך אַוועקגערוקט.

אויגן, ווי פון אונטער דער ערד האָבן אַרויסגעגלאַנצט,
ס׳האָט זיך געדוכט — אַלע דורות האָבן זיך צעטאַנצט.

ווי גאָט אַליין וואָלט איצט פאַר זיי די ערד געשפּאָלטן
און שטיל ער האָט זיין אָטעם איינגעהאַלטן.

ווי גאָט אַליין וואָלט היינט די שטערן ניט געצונדן,
כדי ניט באַלייכטן אויף די גופים זייערע וואונדן . . .

האָט ער דעם הימל אין אַ דינעם נעפּל איינגעהילט
און אין לופט האָט זיך דער אחרית הימים צעשפּילט.

מחותנים — פון זיך אַליין פאַרבעטן, —
זיינען אַרויסגעקומען פון אַלע ווינקעלעך, ווי סילועטן.

זיי זיינען געקומען — טאַנצנדיק, זינגענדיק, און מיט געוויין,
זיי זיינען געקומען — שווייגנדיק, עלנטע, אַליין —

זיי זיינען געקומען — כלה-מיידלעך מיט צעפּ צעפלאָכטן מלא חן,
זיי זיינען געקומען — טעכטער געשענדעטע — פאַרדעקטע
אונטער שטיין.

זיי זיינען געקומען — ישיבה-בחורים מיט אַ לעצטער שאלה
אויפן גומען,
און תלמידי חכמים מיט דער תשובה זיינען געקומען.

און קינדערלעך: משהלעך, שלמהלעך —
פון די קברים האָבן אַוועקגערוקט די ביימעלעך.

און ווי בלימעלעך פאַרפלאָכטן אין אַ קראַנץ
האָבן זיי אַוועקגעלאָזט זיך אין אַ טאַנץ.

ס'האָט אַ לעבעדיק אויג אַ פינקל ניט געטאָן,
ווען ס'האָבן „יענע מחותנים" אַליין געזעצט זיך אויבנאָן.

זייערע אויגן פאַרטרערטע, אויסגעלאָשענע, פאַרמאַכט,
האָבן מיט „גוט יום-טוב" זיך אַריינגעשניטן אין דער נאַכט.

אַלע ליכט-סיגנאַלן האָבן זיך געלאָשן שטיל, שטיל,
און פאַרשטילט געוואָרן אויף דער ערד איז איעדער גריל.

די בערג האָבן זיך צונויפגערוקט, ווי קינדער,
וואָס שרעקן זיך פאַר שדים ווען זיי בלייבן באַזונדער . . .

און ווען ס'האָבן אין דער לופט צויבער-פעדימלעך זיך געוועבט,
דברי תורה, ווי לעבעדיקע גופימלעך האָבן געשוועבט.

שאלות שווערע און שווערערע האָבן זיך געהערט,
און די תשובות געבן איז אויסדערוויילטע געווען באַשערט.

אויגן האָבן לעבעדיק געלויכטן, און אויגן האָבן גערעדט,
איטלעכן געגריסט און איטלעכן געגלעט.

הערצער האָבן געזונגען: זה היום שקיוויני, —
ליפּן האָבן שווייגנדיק געדאַוונט — זכינו!

האָבן י ע נ ע הערצער צעוויינט זיך טויזנט מאָל,
און ס'האָט זייער קלאָג פאַרשלונגען באַרג און טאָל.

און ווען מיט יום-טוב ס'האָט געקלונגען שוין איעדער שטיין,
האָבן י ע נ ע גופים זיך אָפּגעשיידט אַליין —

מיט בטחון אַנגעזאַמלטן דורך יאָרן, טעג און נעכט,
גלויבנדיק אַז אַזאַ נאַכט וועט זיי זיין באַשערט, —

האָבן זיי אַוועקגעוואַנדערט צו די קברים, שטיל און מיד —
נייגעבוירענע, געלייטערטע, ווי טרויער-שורות פון אַ ליד.

באַלאַדע פון נגב

עס ציען זיך פעלדער — טעפּיכער גרינע,
זיידענע, סאַמעטענע, דינע.

דער הימל קוקט בלוי און צעשמייכלט —
ער זעט אַלץ קלאָר מיטן שׂכל:

זאָל שלוה געוועלטיקן נאָר, —
וועט אויפגיין אַ חלום אין פּשוטער וואָר!

דאָרט, וואו ס'האָט לעבן אַמאָל געשריבן געבאָטן,
דאָרט, וואו געשיכטע האָט געלעבט און געטראָטן,

דאָרט, וואו ס'ליגן דורות אונטער זאַמדן פאַרדעקט —
האָט זיך היינט אַ לעגענדע פאַר די אויגן אַנטפּלעקט:

פריש איז די ערד, באַנייט און באַגרינט,
מיט פלאַנצן, ווי קראַנצן — איז זי באַשפּינט.

אַט וואַקסן שניי־ווייסע בלומען — זילבערנע בעכער,
צום הימל זיי שטרעקן זיך העכער און העכער.

די פוכענע קנוילן, די זיידענע לאָקן, —
דאָס אויג און דאָס האַרץ פון פרייד איז דערשראָקן . . .

און ווייטער אַביסל, אין לופט — אין דער הויך —
ווער האָט געזען אַזאַ גליקלעכן רויך?

די ערד האָט מיט גנאָד געעפנט איר מויל —
איר פאָלק פאַר זיין מי — באַשאָנקען מיט אויל.

פונוואַנען דאָס מזל? די יידישע העזה?
וואָס זאָגן די שכנים פון יענער זייט עזה?

עס שמייכלען פּרדסים מיט גאָלדענע רייצן,
עס וויגן די ווינטן קעפּלעך פון ווייצן.

עס שמעקן די סעדער מיט ריחות פון בלומען, —
און ס'זאָגן די הייזער: „זאָלן יידן נאָר קומען!"

אָט שטייען די טראַקטאָרס מיט אָפענע דרעשערס,
אָט גלאַנצן אַנטקעגן די שאַרפן פון מעסערס.

אָט ליגן שוין זילבערנע וואַסער־רערן —
ווי פון הימל געפאַלענע שטערן . . .

זיי קייקלען די מאַפּע — זיי בייטן איר פּנים, —
רויבן אַוועק די מנוחה פון שונאים . . .

פון ווייט און פון נאָענט קוקן טרוקענע היילן,
אפשר זיי פרעגן? צי וועלן זיי דערציילן?

זיי שווייגן, זיי רוען, זיי וואַכן;
אַ חטא איז אַצינד אַן אויג צו פאַרמאַכן . . .

שליאַכן און וועגן — שלענגלען אַריין זיך אינמיטן, —
אָט — און אַ יישוב האָט דעם נגב צעשניטן!

עס ציען זיך ביימעלעך יונגע צום הימל, —
פון וועלדער זיי חלומען אין וואַכיקן דרימל . . .

און וואַרעם, און טרוקן איז אין נגב די ערד —
גרייט און פאַרבאָרגן איז ערגעץ די שווערד!

נאָך לענגער און ברייטער
דער שטח דאָ שפּרייט זיך, —

מיט בערגלעך פאַרלאָזטע,
מיט זאַמדן צעבלאָזטע,

מיט גרעניצן נאָענטע, און גרעניצן ווייטע,
מיט יידן, וואָס קומען צו יישובים באַנייטע!

אָט שטייען פאַרקנס און שטאַנגען, —
ווי סנאָפּעס געבונדענע זאַנגען.

זיי היטן די היימען, די שטאַלן, די רינדער, —
און אינעווייניק — וואַקסן און שפּילן זיך קינדער.

אַזוי ווי די זאַנגען — זיי שפּראָצן אַרויס פון דער ערד —
גיב כוח זיי, גאָט, אויף אַן אַקער צעשמעלצן די שווערד!

„קיין זעמדעלע פון נגב"...

(פון גאָלדע מייערס אַ רעדע)

קיין ציגל פון אַ הויז,
קיין פיצל באָדן ערד.
קיין בלימעלע, קיין רויז, —
קיין פינקל פון אַ פייער-פליגעלע אין די נעכט —
קיין זעמדעלע אין מדבר וועלן מיר ניט פאַרלאָזן
כל זמן
לעבן איז פאַראַן!

קיין קעלבעלע אין שטאַל,
קיין הינדעלע אין שטייג.
קיין ריטשקעלע פון וואַסער-קוואַל,
קיין בלעטעלע אויף אַ צווייג
וועלן מיר ניט פאַרלאָזן
כל זמן
לעבן איז פאַראַן!

קיין יינג וועלדל ניט,
קיין אַלטן בוים אַפילו.
קיין טאָג ארבעט ביי דעם שניט
וועלן מיר ניט אויפגעבן;
קיין זומער-שפּרענקעלע, קיין קוש פון שאָטנס קילע —
כל זמן
לעבן איז פאַראַן!

קיין מאַראַנץ אין פּרדס, קיין פּירה פונעם סאַד,
קיין קערנדל פון אונדזערע זאַנגען.
קיין איין האָרא-טאַנץ אין קאַראַהאַד
וועלן מיר ניט אָפּלאָזן;
קיין טאָן פון גאולה-קלאַנגען —
כל זמן
לעבן איז פאַראַן!

קיין שטיינדעלע אין נגב אינעם ווייטן, —
דעם נס-געשיכטע וואָס שפּראָצט מיט די גראָזן,
און אונדזער העלדן-מוט ניט צעבייטן;
קיין זעמדעלע אין מדבר וועלן מיר ניט פאַרלאָזן —
כל זמן
לעבן איז פאַראַן!

חנה סנש

דאָס פאָלק האָט דיך לעגענדאַריש אויסגעפלאָכטן.
ביסט ניט געשטאָרבן ווען דער גזלן האָט געשאָכטן.

ביים פאָלק ביסטו אַ קינד, וואָס פרעפלט און וואָס קוועלט, —
און פאַר דיין יעדן טראָט עפנט זיך די וועלט.

ביים פאָלק ביסטו אַ צויבער־מעשהלע און אַ ליד ;
ביים פאָלק ביסטו אַ קרוין אויפן קאָפּ פון יעדן ייד.

דו אַליין פון גלות, דו אַליין דער ייד, —
דו — דער צויבער פאַרן דיכטערס ליד !

אַ בליק אויף עזה־ערד

פאַרלאָזן, פאַרטריקנט לאַנד, —
אַ צווילינג פון אומעט און שאַנד.
עס לעכצט דאָ דער שטח
צו פילן די פרייד
פון אַ פלאַנץ,
פון אַ בוים.
עס וויינען די זאַמדן
און זינקען אין נידער.
עס בענקען די פעלדער
נאָך יידישע ברידער.

ביסט אַנגעקומען שפּעט . . .

(צו דער קבורה פון פּנחס גינגאָלד אין רעננה)

כ׳האָב געזען דיין ארון, געזען דיין גרוב,
פאַרשעמט האָט געאָבלט דיין ליידיקע שטוב.
ביסט ניט געקומען אויפשטעלן דעם דאַך, —
האָסט ניט פאַרנומען פון דער בשורה די שפּראַך . . .

און אונדז האָסט געלערנט, ווי אַ פאָטער געשטראָפט, —
דעם גאָלדענעם פאָדעם געצויגן, געהאָפט.
אָ, ביטערער גורל, אָ, טייוולשער שפּיל, —
שוין זינגט דיר צוקאָפּנס פון קבר אַ גריל . . .

הויך אויף די צווייגן טייבעלעך שוויגן,
צום הימל די ביימער מיט פּירות איצט שטייגן.
פון וויטנס די הינער פריילעכע קרייען, —
און אונטער דיר שפּאַלט זיך די ערד אין צווייען . . .

צופוסנס דיין קבר בליען פעלדער מיט גרין,
עס וויגט זיך דיין חלום אויף אַ בלעטעלע דין.
ביימער, דעמבענע עדות, וועלן אייביק דאָ שטיין, —
נאָר איצטער דאָס הארץ אין געוויין טוט פאַרגיין . . .

דער מאָלער און איך

ס'איז מנחה־מעריב צייט, —
איך זוך אַ תּפילה.
זיצט דער מאָלער ביי דער זייט
און טוט אָן די בערג אַ הילע.

כ'הער דאָס גרילצן פון די גרילן,
מיין בלוט וואַכט אויף צו דינעם קלאַנג.
ביים מאָלער אויפן לייוונט שפּילן
טויזנט פאַרבן מיט געזאַנג . . .

איך טראַכט פון גרענעצן, שונאים,
פון געפאַרן אומגעריכטע . . .
זיצט דער מאָלער, — און זיין פּנים
שטראַלט מיט סודות פון געשיכטע.

איך זע די זון, זי פאַלט אין ים,
אָט באַלד דערטרינקט ער זי אינגאַנצן.
פירט דער מאָלער מיט זיין פּענזל, סתּם,
און די כוואַליעס מיט דער זון צעטאַנצן . . .

איך שיק מיין בליק אַוועק העט־ווייט,
ביז צום סוף פון וועלט.
זיצט דער מאָלער ביי דער זייט
און צו זיין באַשאַף ער קוועלט.

קומט די נאַכט מיט שטילע טריט
אַראָפּ פון באַרג, זי דעקט אונדז צו.
טראָגט אַהיים דער דיכטער אומרו פון אַ ליד, —
און דער מאָלער — פון פולער שאַפונג — רו.

דער טרויער מיטן פרילינג

צוויי שאַפער — פון דאָ און פון דאָרט —
צוויי מייסטער פון בילד און פון וואָרט.

צוויי הערצער וואָס קלאַפּן ניט מער.
ווי אומעטיק אַן זיי, ווי שווער . . .

דער טרויער מיטן פרילינג
האָבן זיך פאַרצווילינגט !

דער יום־טוב . . .

דער יום-טוב האָט דעם הימל מיט דער ערד פאַרבונדן,
נאָר מיין האַרץ מיט צער איז אָנגעצונדן . . .

די בערג זיינען צעבליט מיט פאָנען, —
און איך וויל זיך פרייען קאָנען . . .

גאָט, האָסט געשפרייט איבער מיר
דיין חסד און דיין גזר, —
גיב מיר לאָגלען
אויסצושעפּן מיין צער !

מיין אומרו

מיין אומרו
האָט אַריינגעלייטערט זיך
אין רו, —
אין אַן איינציק נסימדיקער שעה.
ווייל דו —
ערגעץ ווייט,
ערגעץ נאָענט
ביסט דאָ.

מיין אומרו
האָט צעלויכטן ווי אַ פּערל
אין פרימאָרגן ים,
ווי אַ ליד —
אַ שפּיל.
ווייל דו —
ערגעץ ווייט,
ערגעץ נאָענט
ביסט מיד,
און שטיל . . .

מיין אומרו
האָט איינגעשטילט
מיין בלוט.
דער טרויער
האָט געסודעט אין מיין אויער:
ס'איז גוט —
ווייל דו —
ערגעץ ווייט,
ערגעץ נאָענט
ביסט דאָ!

